№ 16 | Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. | צעהנטער יאהרגאנג. | פרייז 20 גראשען. | „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער-שורה:
פאר'ן טעקסט 40 גראשען | נאכ'ן טעקסט 25 גראשען
אין טעקסט 80 גראשען.
די ערשטע און לעצטע זייט האלב 8 אנאנסען שפאלטען.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201.

אבאנאמענטס-פרייז: א נומער 20 גראשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
פאר'ן אינהאלט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך.

Piątek, dnia 17 kwietnia 1931. | ליכט-צינדען 6.24 | פרייטאג, פ' תזריע ומצורע א" אייר תרצ"א.

א עונג = שבת פאר די טשענסטאכאווער יודען!

פרייטאג, ד. 24 אפריל קבלת-שבת און צומארגענס שבת אינדערפריה וועט דאווענען אין דער בייער סינאגאגע

מ. קוסאוויצקי

דער בעריהמטער אבער-קאנטאר פון דער ווארשאווער טלאמאצקער סינאגאגע, דער זינגער פון גאט'ס גענאד, וועלכער פערמאגט די פענאמענאלסטע שטימע פון 20-טען יאהרהונדערט

וועלכער האט געשלאגען דעם רעקארד אין דער גאנצער וועלט מיט זיין העלדען-טענאר

בילעטען אויף פרייטאג און שבת פרייז 2.50, באלקאן 1.50 שוין צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באטשאן.

NAJSTARSZA w CZĘSTOCHOWIE

FARBIARNIA i CHEMICZNA PRALNIA ALEKSANDRA HEININGERA

założona w r. 1860

po gruntownej reorganizacji i zmodernizowaniu swego przedsiębiorstwa poleca Szanownej Klijenteli swe usługi

Wykonuje:

Farbowanie przędzy wełnianej, bawełnianej, jutowej i jedwabnej oraz wszelkich materjałów w sztukach, GARDEROBY DAMSKIEJ, MĘSKIEJ i DZIECIĘCEJ, DYWANÓW, PORTJER, KORONEK i t. p.

Chemiczne czyszczenie i pranie wszelkiej garderoby, dywanów, kap, koronek, portjer, firanek i tkanin przy zastosowaniu najnowszych środków chemicznych nieszkodliwych dla najdelikatniejszych materji.

Wieloletnia działalność mojej firmy dała Sz Klienteli dowody, o solidności wykonywania powierzonych mi robót. Obecnie wobec ulepszonych systemów pracy oraz znacznemu zniżeniu cen, daje gwarancje szybkiej i starannej obsługi.

Z poważaniem
Aleksander Heininger.

Ceny znacznie zniżone!

Fabryka: Częstochowa, ul. Zaciszańska № 8, tel. 360.
Sklep: " ul. Panny Marji № 32, tel. 207.

Sklepy: w Częstochowie, ul. Narutowicza № 20.
w Piotrkowie, ul. Piłsudskiego № 41.

אין נעכסטען נומער הויבט זיך אן דריקען

אין פארטזעצונגען דער ראמאן

די פערפאלגטע

שפאנענדע געשיכטע פון יודישען לעבען אין איטאליען, אין פאריגען יאהר-הונדערט
פון י. געלזאהן.

טעאטער „קאמעראלני". זונטאג, דעם 19 אפריל האלב 10 אווענד.

דורכפאהרענדיג קיין ווארשע
נאר 1 פארשטעלונג
פון לאדזער יודישען קאמער-טעאטער

ארט

קינסטל. לייטער: מ. בראדערזאן.
ס'ווערט געגעבען
דאס גראנדיעזע פראגראם
אונטער'ן נאמען:

אויפ'ן הימעל א יאריד אין 2 טיילען, 12 בילדער.

טעקסטען: משה בראדערזאהן, משה נאדיר, דער טונקעלער, מ. נאדעלמאן א. א. — מוזיק: הערץ רובין, א. בייגעלמאן און פאלקס-מאטיוון.
דעקאראציעס און קאסטיומען: יצחק ברינער, טענץ און פלאסטיק: א. פרושיצקא און ז. קרוש, רעזשי: ש. דזשיגאן און י. שומאכער, מוזיק-לייטער: הערץ רובין,
בינע-אינספעקטאר: מ. קאן, ליכט-עפעקטען: י. יערא. עס נעמט אנטייל דער גאנצער אנסאמבל (לויט א"ב):
פרויען: זיסעלע גירל, מאריא דאלסקא, לאלא זילבערמאן, שיינע מרים, מ. פעטערמאן.
מענער: י. אלטמאן, ש. גאלדשטיין, ש. דזשיגאן, מאטל קאן, י. ריינגלאס, י. שומאכער און י. שיפער.
בעמערקונג: דאס פראגראם ווערט געשפילט ביי אלע קאסטומען, דעקאראציעס, ליכט עפעקטען (רעפלעקטארען) און ארקעסטער. אדמ. לייטער: ב. גאדיק.
בילעטען שוין צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באטשאן, אלעע 6, זונטאג פון 6 אווענד ביי דער קאסע פון טעאטער.

ערקלערונג.

צוליעב דעם ארויסטרעטען פון איניגע מיטגלידער פון אלגעמיינעם אונפארטייאישען רעליגיעזען וואהל-קאמיטעט מאכענדיג זיך א בעזונדער קרעמעל, איז מיטוואך אווענד פארגעקומען א גרעסערע פערזאמלונג בבית התפלה פון ר' נתן ראזענצווייג אלעע 7. מיט בעגייסטערונג איז איינשטימיג פערשטארקט געווארען דער פעראייניגטער אונפארטייאישער רעליגיעזער-בלאק. גלייכצייטיג זענען אויסגעוועהלט געווארען אנדערע קאמיטעט מיטגלידער אויף דעם ארט פון די ארויסגעטראטענע.

דער אונפארטייאישער רעליגיעזער-וואהל-קאמיטעט
ערשטע אלעע 7.

אויפרוף!

עס ווערט געבעטען די טשענסטאכאווער יודישע בעפעלקערונג וועלכע עס ליגט אין הארצען אריינצופיהרען אין דער יודישער קהלה טיכטיגע, עהרליכע און טרייע פארשטעהער, וואס זאלען האבען אין זינען נאר די רעליגיעזע ווירטשאפטליכע אינטערעסען אהן שום פארטייאישע אמביציעס, אז זיי זאלען זיך בעטייליגען אין דער אלגעמיינער פערזאמלונג וועלכע וועט פארקומען אי"ה זונטאג פ' אחרי 19.4 3 נאכמיטאג בבית התפלה פון ה' נתן ראזענצווייג, אלעע 7.

דער אונפארטייאישער רעליגיעזער-וואהל-קאמיטעט
ערשטע אלעע 7.

א צעטיל קאסט 10 זלאטעס!

כסף וזהב
יענה את הכל!

געלד איז איבער אלעס!

אין די היינטיגע שווערע צייטען קענסטו בעקומען געלד, ווען דו קויפסט א לאס אין דער קאלעקטור פון

J.WEKSLER
ALEJA № 6.

דאס גרעסטע געווינס איז:

איין מיליאן זל.

אויסערדעם נאך געווינסען:

300,000	400,000
100,000	200,000
50,000	75,000
10,000	25,000

און נאך הונדערטער קלענערע געווינסען.

יעדער צווייטער לאס געווינט!

א צעטיל קאסט נאר 10 זלאטעס!

עס איז שוין צו בעקומען צעטלען פון דער ערשטער קלאס פון דער 23-טער מלוכה - לאטעריע.

ווארנונג.

אויפ'ן מארק האבען זיך בעוויזען פאלסיפיקאטען פון אמאניאקאלע סאדע, וועלכע ענטהאלטען שעדליכע צומישונגען און ווערטלאזע סורראגאטען און זיי ווערען פערקויפט אונטער נעמען וואס קענען אריינפיהרען אין טעות די ג' קליענטעלע.

מיר ווארנען געגען קויפען די דאזיגע פאלסיפיקאטען און מעלדען, אז די איינציגע

אמאניאקאלע אדער קאלצינירטע סאדע (ביעלידלא) פון די

ZAKŁADY SOLVAY w POLSCE

ענטהאלט 98% ריינע סאדע
און איז א ריינער און פולווערטיגער פראדוקט.

כדי צו פערהיטען אונזער געעהרטע קליענטעלע פאר די פאלסיפיקאטען, איז יעדעס אריגינעלע זעקעל אמאניאק-סאדע פון די

„Zakłady Solvay w Polsce"

פערזעהן מיט א פירמע-פלאמבע אויף וועלכער מיר בעטען אכט צו לעגען ביים קויפען.

Zakłady Solvay w Polsce
Oddział w Częstochowie:
Ul. Handlowa 3, Tel. № 5-23.

Warszawa, w marcu 1931 r.

בעמערקונג: די שולדיגע אין פערשפרייטען פאלסיפיקאטען, אלס אמאניאקאלע סאדע וועלען צוגעצויגען ווערען צו פעראנטווארטליכקייט

דאס טוך און קארט = געשעפט
„SUKNOPOL"

טשענסטאכאווו, אלעע 28, אין הויף, פארטער, רעכטס

מאכט בעקאנט די געעהרטע קונדשאפט, אז עס איז אנגעקומען צום איצטיגען זומער-סעזאן א גרויסער אויסוואהל פון די נייעסטע **דאמען און מענער-שטאפען.**
זעהר צוגענגליכע פרייזען און גוטע בעדינגונגען.
בעמערקונג: פאר די ה"ה שניידער א ספעציעלער ראבאט.

א געוועלב מיט א שטוב שוין צו פערדינגען

עס קען זיין אויף א וואוינונג
צו ערקונדיגען זיך ביי: ב. בערקאוויטש, פראסטא נר. 4.

צום זומער = סעזאן

א גרויסער אויסוואהל פון דאמען, מענער און קינדער-שיך
נייעסטע מאדעלן — שענסטע פאסאנען
איז צו בעקומען צו מעסיגע פרייזען
אין ערשטקלאסיגען שוך - געשעפט

„ווענוס", 2 אלעע 29.

נדבות אין רעדאקציע.

מיכאל איידעלמאן 3 זל. פאר'ן שפיטאל. יעקב בארזיקאווסקי 2 זל. פאר בית לחם.

NOWOOTWORZONA
Pracownia Okryć Damskich

IGNACY MAJORCZYK

Częstochowa, I Aleja 12

(front I piętro)
przyjmuje na nadchodzący sezon wiosenny i letni wszelkie zamówienia.
Najnowsze modele, wykonanie solidnie.

די אויפגאַבע — געזונד מאַכען די קהלה.

I

מיר זענען געוואוינט צו זעהען שטענדיג ווען עס קומט צו וואַהלען, ווי עס טרעטען אַרויס און בעווייזען זיך אויף דער יודישער גאַס פערשידענע גרופּען און ריכטונגען, וועלכע נעמען קיינמאָל נישט קיין אַנטייל אַלס גרופּע אין עפענטליכען יודישען לעבען און בעת די וואַהלען קומען זיי מיט קאַנדידאַטען-ליסטעס און ווילען אַריינפיהרען „זייערע מענשען“.

אָבער אַזאַ „גערעטעניש“ ווי איצט, האָבען מיר נאָך קיינמאָל נישט געזעהט. אויסער די עקזיסטירענדע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּאַרטייען, וועלכע געהן שטענדיג צו די וואַהלען אונטער דער פאָהן פון זייערע פּאַרטייען האָבען זיך דאָסמאָל בעוויזען עטליכע אונפּאַרטייאישע גרופּען, וועלכע האָבען געשאַפען וואַהל - קאָמיטעטען און ווילען געהן זעלבסטשטענדיג צו די וואַהלען.

אין דער צייט, וואָס ביי די פוריגע קהלה-וואַהלען איז אַרויסגעטרעטען איין געמיינזאַמע אונפּאַרטייאישע גרופּע אַרום וועלכער עס האָבען זיך קאָנצענטרירט אויב נישט אַלע, איז אַ גרויסע מעהרהייט. פון די היגע אונפּאַרטייאישע יודען, ווייסען מיר היינט צו טאָג שוין פון: „אונפּאַרטייאישע אַלעקסאַנדרער חסידים“, „אונפּאַרטייאישע ראַדאָמסקער חסידים“, „אונפּאַרטייאישע בירגער פון דער נייער שוהל“, „אונפּאַרטייאישע יודען פון דער אַלטער שוהל“, וועלכע גרינדען וואַהל-קאָמיטעטען און גרייטען צו קאַנדידאַטען-ליסטעס, און ווער ווייסט וויפיעל אַזאַלכע אונפּאַרטייאישע גרופּען עס וועלען נאָך געשאַפען ווערען ביז צום 27 ד. ח. דער טאָג, ווען מען דאַרף אַריינטראָגען די קאַנדידאַטען-ליסטעס, ווארום קיין מנינים פעהלען נישט, און מענשען וואָס ווילען עטוואָס רודערן זענען אויך פערהאַנען.

און דער דייטיגער צושויער, דער אמת אונפּאַרטייאישער בעוואוסטזיניגער יוד שטעהט און פרעגט: אמת, איהר רעליגיעזע יודען זאָגט, אַז די קהלה איז אַ ריין - רעליגיעזע, אָבער צו קען מען דען אונזער רעליגיע טיילען אויף אַלעקסאַנדער און ראַדאָמסקער? צי האָבען דען די ראַדאָמסקער חסידים אַ אַנדערע רעליגיע, ווי די אַלעקסאַנדרער, אָבער די מתפּללים פון דער נייער שוהל, ווי די, פון דער אַלטער שוהל? און נאָך אַ זאַך: איז דען אונזער תורה און אונזער רעליגיע קאָנצענטרירט בלויז אויף מקוה וכדומה, צי נעמט דען די תורה נישט אַרום אויך דאָס גאַנצע קולטור-וועזען און די סאָציאַלע געזעצגעבונג? צי האָט מען דען אונז נישט געבאָטען צו לערנען מלאכות צוליעב וועלכע מען דאַרף אַ האַנדווערקער-שולע, אָדער אַ גערטנער-פערמע, און צי האָבען מיר נישט איבערנומען די לאָזונג: פון היה יהודי באהליך ואדם בצאתך, אַז מען דאַרף זיין נישט בלויז אַ יוד נאָר אויך אַ מענש וואָס זאָל קענען מיטמאַכען דעם גרויזאַמען עקזיסטענץ-קאַמף? און עס איז דען נישט זעלבסטפערשטענדליך אַזדי קהלה, אונזער איינציגע יודישע פאָלקס-רעפּרעזענטאַנץ, דאַרף און מוז האָבען די אויפגאַבע מיטצוהעלפען דער יודישער בעפעלקערונג אין אַלע צווייגען פון זייערע לעבענס נויטווענדיגקייטען?

מיר זענען ווייט פון בעשולדיגען די יודישע מאַסען אָדער זאָגאָר זייערע אָנפיהרער אַז זיי קומען סתּם זוכען „בענקלעך“ ווי מען רופט דאָס אָן, גיכער טהוט מען דאָס צוליעב קאָנקורענץ: מען זעהט אַז דאָס אָדער יענץ שטיבעל אָדער שוהל שאַפט אַ וואַהל-קאָמיטעט, און רעכענט אַז די מתפּללים וועלען אַדורכפיהרען אַ קאַנדידאַט, טהוט מען אויך דאָס זעלבע, ווייל מען וויל נישט בלייבען הינטערשטעליג, שאַפט מען אויך אַ וואַהל-קאָמיטעט, און מען שטעלט אויך אַרויס קאַנדידאַטען, נישט רעכנענדיג זיך לגמרי אויב מען האָט כאָטש איין פּערזאָן וואָס זאָל זיין פעהיג און פּאַסיג פאַר דעם דאָזיגען אַמט, ווארום אויב יענץ שטיבעל האָט אַרויסגעשטעלט ראובנ'ען, מעגען מיר געוויס אַרויסשטעלען שמעונ'ען, כּדי צו זיין רעפּרעזענטירט אין דער קהלה, און אַזוי געהט דאָס כּסדר, ביז עס וועלען מקוים ווערען די טרויריגע ווערטער פּינ'ס נביא: הכה את כל בית ישראל לרסיסים.

ניין, ברידער, איהר גיט זיך נישט אָב קיין חשבון פון דעם וואָס איהר טהוט, און מיר מוזען אייך זאָגען: לא זה הדרך! נישט דאָס איז דער ריכטיגער וועג.

מיר ווילען זיך בעמיהען אייך אויפצוקלערען, ווי עס זעהט אויס דער מצב אין די יודישע קהלות אין פוילען בכלל, און ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו בפרט, און וואָס עס דאַרף געטהון ווערען בעת די וואַהלען, בכדי געזונד צו מאַכען די קהלות אַז זיי זאָלען זיין דאָס וואָס זיי דאַרפען, און זאָלען קענען ערפילען זייערע אויפגאַבען.

נאָר וועגען דעם אין קומענדען אַרטיקעל.

י. פּ.

די וואַהל-קאַמפּאַניע אין טשענסטאָכאָוו.

צוליעב דעם וואָס ביז'ן 27-טען ד. ח. מוזען אַריינגעטראָגען ווערען די קאַנדידאַטען - ליסטעס צו דער קהלה, האָט זיך די וואַהל-אַרבייט שוין אָנגעהויבען מיט'ן גאַנצען ברען.

עס גרייטען זיך צו די וואַהלען קודם-כל די עקזיסטירענדע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּאַרטייען, ווי: ציונים, מזרחים, האַנדווערקער, קליינהענדלער, אגודה, וועלכע האָבען געשאַפען וואַהל-קאָמיטעטען וואָס זענען טעטיג שוין אייניגע טעג.

דאַן איז נאָך אין חול-המועד פאָרגעקומען אַ גרויסע פערזאַמלונג פון אונפּאַרטייאישע רעליגיעזע יודען אין וועלכען עס האָבען אַנטייל גענומען אַ גרויסע צאָהל פאָרשטעהער פון פערשידענע שטיבלעך און מנינים, און עס איז געשאַפען געוואָרען אַ וואַהל-קאָמיטעט, דער קאָמיטעט איז בעיקר געשאַפען געוואָרען דורך די אַלעקסאַנדער און ראַדאָמסקער חסידים וועלכע האָבען געזאָלט געהן צוזאַמען מיט נאָך אַ גאַנצע רייהע מנינים און שטיבלעך.

אין עטליכע טעג שפּעטער זענען די ראַדאָמסקער חסידים אַרויסגעטרעטען פון דעם דאָזיגען קאָמיטעט, און האָבען געשאַפען אַ בעזונדערען אונפּאַרטייאיש רעליגיעזען וואַהל-קאָמיטעט.

דאַן איז געשאַפען געוואָרען אַ יודיש-בירגערליכער קאָמיטעט דורך די מתפּללים פון דער נייער סינאַגאָגע, און אויך אַ בעזונדערער קאָמיטעט פון די מתפּללים אין דער אַלטער שוהל.

די פּרוב פון „מזרחי“ צו פּאַראייניגען אַלע ריכטונגען.

דער וואַהל-קאָמיטעט וואָס איז געשאַפען געוואָרען ביים היגען „מזרחי“ האָט שבת אָוונד אָבגעהאַלטען אַ גרעסערע פערזאַמלונג, און האָט בעשלאָסען אַז אַזוי ווי דער „מזרחי“ איז געווען די אָנפיהרענדע פּאַרטיי אין דער ביז איצטיגער קהלה, און זיי פיהלען אויף זיך דעם חוב פון אויסצומיידען מחלוקות, זאָלען זיי רופען אַ געמיינזאַמע זיצונג פון אַלע היגע יודישע ריכטונגען, מיט'ן צוועק אַדורכצופיהרען אַ געמיינזאַמע פּאַראייניגונג.

צו דעם צוועק איז דינסטאַג אָוונד פאָרגעקומען אין קהלה-לאָקאַל אַ זיצונג אונטער'ן פּאָרזיץ פון ה' וואַרשאַווסקי, אין וועלכער עס האָבען אַנטייל גענומען אויסער דעם מזרחי אויך פאָרשטעהער פון „ציונים“, אגודה, האַנדווערקער, קליינהענדלער און אונפּאַרטייאישע (עס זענען גערופען געוואָרען נאָר די ריכטונגען וואָס זענען געווען פערטרעטען אין דער פוריגער קהלה).

די פאָרשטעהער פון „ציונים“ די ה"ה נ. ד. בערלינער און ה. א. ליבראַוויטש האָבען ערקלערט אַז די ציונים וועלען בשום אופן נישט מספּים זיין אויף קיין פּאַראייניגונג מיט דער „אגודה“ וועלכע זענען פעררעטער פון יודישען פאָלק מיט זייערע מעשים, איבערהויפּט צוליעב זייער פּאַראַגראַף 20, זיי ווילען זיך פאַראייניגען מיט אַלע יודישע גרופּירונגען, אָבער פאַר קיין פאַל נישט מיט דער אגודה.

די דאָזיגע ערקלערונג האָט שטאַרק אויפגערעגט דעם אגודה פאָרשטעהער ה' עדעליסט, וועלכער האָט אויסגערופען: מיר לאַכען פון אייך, און האָט געוואָלט פערלאָזען די זיצונג, אָבער דעם פאָרזיצענדער ה' וואַרשאַווסקי געלונגט איהם צוריק צוהאַלטען.

ה' וועקסלער פּרובט צו ערקלערען אַז דאָס אַליין וואָס די אגודה וויל צוטרעטען צו דער פּאַראייניגונג וויסענדיג אַז זיי וועלען געוויס נישט בעקומען מעהר קיין פּלעצער ווי לויט זייער צאָהל, בעווייזט שוין אַז די היגע אגודה איז נישט מסכים מיט דער שטעלונג פון דער אגודה אין אַלגעמיין.

ה' בערלינער ערקלערט אָבער אַז אויך די היגע אגודה האָט אַרויסגעוויזען גענוג ביים שטרייכען די מיטגלידער פון דער וואַהל-קאָמיסיע, און ווען ה' עדעליסט זאָגט אַז מען האָט איהם זעלבסט אויך אויסגעשטראָכען, ענטפערט מען איהם אַז דאָס איז געווען אַ טריק פון זייער זייט.

עס קומט נאָך פאַר אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע אין וועלכער עס נעמען אַנטייל די ה"ה קאַבלינג, זילבערבערג, וועקסלער, בערלינער, א. אנד.

צום סוף ערקלערט ה' וואַרשאַווסקי אַז אַזוי ווי די פּרוב פון מזרחי צו פּאַראייניגען אַלע ריכטונגען קאָן נישט צושטאַנד קומען, ערקלערט ער די זיצונג פאַר געשלאָסען.

נאָך דער זיצונג קומען נאָך פאַר פּריוואַטע געשפּרעכען וועגען שליסען אַ בלאָק פון אַלע ריכטונגען חוץ דער אגודה.

דער „מזרחי“ פיהרט בכלל אַ ברייטע וואַהל-טעטיגקייט. מיטוואָך איז אין אייגענעם לאָקאַל פאָרגעקומען אַ זיצונג פון פערשידענע פאָרשטעהער פון שוהלען און מנינים וועלכע דאַבען זיך אַלע אַרויסגעזאָגט מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע פאַר'ן מזרחי און זיינע קהלה פאָרשטעהער. די פאָרשטעהער זענען אַריין אין מזרחי-קאָמיטעט און בעשלאָסען צו געהן צוזאַמען צו די וואַהלען.

— — —

דער קליינהענדלער-פערבאַנד אַלטער מאַרק 13 האָט, ווי מען גיט אונז איבער, בעשלאָסען צו געהן צו די וואַהלען זעלבסטשטענדיג מיט אַ איינענער ליסטע.

— — —

ווי מיר ווערען געוואויר זאָל אויך געשאַפען ווערען אַ וואַהל-קאָמיטעט פון אַ דעמאָקראַטישער גרופּע, וועלכע בעשטעהט פון פערשידענע שיכטען, ווי: פרייע פּראָפעסיעס, האַנדעלס - אָנגעשטעלטע, אַרבייטער-אינטעליגענץ און אַנדערע.

פּרעסע - רינג
לטובת דעם „קרן-החלוץ“

שטערענזיס 5 זל.

ל. ראָזענבערג 3 זל.

ש. שפּאַלטען, ש. גאַנשאַראָוויטש, נ. טייכנער, ש. ניעמיראָווסקי, ד. דזיאַלאָוויטש, ל. קויפּמאַן, מ. שוואַרצבוים, י. ראָזענבערג פּ. קאַרפּ, ד. אַרזינסקי, וו. גליסמאַן צו 2 זל. יעדער

י. פּאַטאַק 2 זל. און רופט דוד מאַרקאָוויטש, לייבל הערץ, מ. מאַרקאָוויטש, פּאַוועל שלעזינגער.

יעקב פיינרייך 1 זל. און רופט ל. ה. קאַווע, ה. און א. טשעטשורא.

פּשעראָווסקי, טשאַרנילאַס, א. פאַגעל, ג. נירענבערג, ר. ברודערוווּנאַ, אַמסטערדאַמער, ר. לעווקאָוויטש, ז. ראָטשטיין, ז. האָלאַנד, מ. נאַוואַק, וו. ניימאַן, מ. אַלטמאַן, ג. בראַנדעס, מ. וואָלסקאַ, י. נירענבערג, א. רייכער, א. בלום, ע. ווינשטאָקקוונאַ ס. וואָלבערג, א. קאַמינסקי, ס. יאַקובאָוויטש, דאָראַ מיענטקעוויטש, פּ. פּשעראָווסקי, ח. טאָביאַש, י. גאָלדמאַן, מ. נאָדעלמאַן, טייליבוּווּנאַ, פּעלאַווישליצקאַ, ע. גערשאַנאָוויטש, ה. לוקסענבערג, ל. ראַפּאַפּאָרט, י. בראַון, ח. קאַלקאַ, פּ. גאָמולינסקי, ג. אַלטמאַן, ר. פרידמאַן, ד"ר ה. גייסלער, ל. ראָטבאַרד י. כלאַפּאַק, י. וויינרייך, מ. שאַיאַ, נ. מיסקאַ, ה. קאָפּלאָוויטש, י. ריכטער, ד. לעווקאָוויטשוווּנאַ, א. לענצנער, פ. ווינדמאַן, מ. בלאַנק, י. וו. ווינדמאַן, מ. פרידמאַן, א. בירענבוים, ג. זעליגמאַן, ר. מאַיאַרטשיק, ר. אָפּפּענהיים, ג. ראָזענבלאַט, מ. קאַפּלאַן נ. גריבוים, מ. גערשאַנאָוויטש, מ. גאָטיינער, א. פּיליכאָווסקי, ר. שפּילבערג, ס. גליקסמאַן, ג. בראַנדעס, ר. שפּאַלטען, ס. גאָטאיינער, ג. וואָליצקאַ, י. שטראָוסבערג, מ. גאָלדאַך, מ. בירענבוים, ר. געווערצמאַן, ע. שיפּער, ר. קאָהן, מ. פּאַטערקווּנאַ מ. הערץ, מ. פּיליפּאָוויטש צו 1 זל. יעדער.

די שעהנע טאַמאַרא.

פאָלקס-לעגענדע פון פוילישען אויפשטאַנד אין יאָהר 1863

פון **משה פיינקינד.**

אין יאָהר 1863. אין דער צייט פון פוילישען יאַנואַר אויפשטאַנד, האָט אין דעם וואָהלינער שטעדטיל טשאַרטאָריסק געוואוינט אַ אָרימער יודישער מלמד מיט'ן נאָמען אברהם, וועלכער האָט פערמאָגט אַ יונגע בילד שעהנע טאָכטער תּמר, וואָס איז אַ דאַנק איהר אויסערגעוועהנליכער שעהנקייט געווען בעריהמט אין גאַנצען געגענד, צו דעם איז זי געווען איידעל און קלוג, אַזוי, אַז די יודישע מאַמעס האָבען זיך מיט דער שעהנער תּמר'ן שטענדיג געבענשט. אברהם מלמד איז געווען העכסט גליקליך און מלא נחת פון זיין בת יחידה און געהאָפט צו געפונען פאַר תּמר'ן אַ פּאַסיגען זיווג. אַ תּלמיד חכם אָדער אַ רייכען סוחר, כּדי אַזוי אַרום זיך פערזאָרגען אויף דער עלטער, מיט דער דאָזיגער שעהנער יודישער טאָכטער האָט זיך עס פערלאָפען פאָלגענדע געשיכטע:

אין אַ געוויסען טאָג פון דערמאָנטען יאָהר, ווען די רוסישע קאָזאַקען זענען נאָכיאָגענדיג די פוילישע אויפשטענדער דורכגעפאָהרען דאָס שטעדטיל טשאַרטאָריסק, האָבען זיי געטראָפען תּמר'ן ביי אַ ברונעם, וואַשענדיג וועש. דער קאָזאַקישער קאַפּיטאַן, דערזעהענדיג דאָס בילד שעהנע יודישע מיידעל, איז געבליבען ווי פערגאַפט. זי איז איהם גלייך אַריין אין הארצען. אַזאַ שעהן פּנים'ל — האָט ער צו זיך אַ זאָג געטהון — האָב איך אין מיין לעבען נאָך נישט בעגעגענט, זי מוז מיינע זיין — האָט ער ביי זיך בעשלאָסען, און אין זיין געדאַנק איז שוין פערטיג געווען אַ פערברעכישער פּלאַן...

תּמר איז געשטאַנען ביים ברונעם און געציטערט פאַר שרעק, די חיה'שע אויגען האָבען זי אַדורכגעשטאָכען... זי איז געווען צומישט און זיך נישט געקענט אַ ריהר טהון פון אָרט, דער קאַפּיטאַן איז דאַן אויף זיין פערד צוגעפאָהרען האַרט צו איהר. און שמייכלענדיג זיך אָבגערופען:

— שרעק זיך נישט שעהן קינד, כ'וועל נישט לאָזען דיך שלעכטס טהון, קום צו מיר. זעץ זיך דאָ אַנידער — האָט ער אָנגעוויזען אויפ'ן זאָטעל — כ'וועל דיר אָבפיהרען וואוהין דו ווילסט וועלען און וואו דו ווילסט מיר הייסען...

תּמר האָט קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדען. זי האָט געבעטען גאָט, די זעלנער זאָלען שוין וואָס גיכער אָבפאָהרען. אָבער אין דער רגע האָט דער קאַפּיטאַן געגעבען אַ וואונק צו צוויי פון זיינע בעגלייטער, די לעצטע זענען בליץ שנעל אַראָבגעשפּרונגען פון די פערד און צוגעגאַנגען צו תּמר'ן זאָגענדיג:

— קום נאַריש מיידעל, האָב קיין מורא נישט, דער קאַפּיטאַן וועט דיך אָבפיהרען אַהיים. און נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער האָבען זיי תּמר'ן געגעבען אַ כאַפּ און אַרויפגעזעצט צום קאַפּיטאַן אויפ'ן פערד. גלייך האָט זיך דערהערט אַ שניידיגער פייף און די קאַוואַלעריסטען האָבען זיך גאַלאָפּ געלאָזט אין וועג אַריין...

חוץ די קאָזאַקען זענען שוין געווען גאַנץ ווייט פון שטעדטיל, האָבען זיך נאָך תּמר'ס געוואַלדען און הילפס-רופען דערטראָגען צו די אויערן פון אומגליקליכען טאַטען אברהם דעם מלמד...

— — —

די זון האָט זיך געקוקט אַלץ טיפער אין מערב און צום סוף אינגאַנצען פערשוואונדען געוואָרען, ס'איז צוגעפאַלען אַ קאַלטע פינסטערע נאַכט. דער ריזיגער שוואַרצער וואַלד האָט זיך געטונקען אין אַ געדיכטער מצרים-פינסטערניש, אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט, כאָטש צווישען די הויכע שוואַרצע בוימער האָבען טויזענדער מענשען געאָטעמט...

דאָס זענען געווען די קאָזאַקען. אין דעם דאָזיגען געדיכטען וואַלד האָבען זיי זייער לאַגער געמאַכט. צווישען די דאָזיגע מענשען האָט זיך אויך די שעהנע תּמר געפונען. פון איהרע איבערלעבענישען דורכ'ן טאָג, איז זי אינגאַנצען צובראָכען און נידערגעשלאָגען, די ווייסט, אַז זי איז פערלוירען ווייל אַרויסרייסען זיך פון אַזעלכע חיה'שע נעגעל איז אונמעגליך.

אין איהר מח זענען אַדורכגעלאָפען פערשידענע פּלענער, אויף איינעם פון זיי שטעלט זי זיך אָפּ, און ס'וואָרט איהר אַביסעל לייכטער אויפ'ן געמיט...

דער קאַפּיטאַן, וואָס איז אַ גאַנצע צייט געזעסען און געשוויגען, האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען צו תּמר'ן און זיך צו איהר אָנגערופען:

— טאַמאַרע טייערע, שעהנע, ליעב קינד מיינס! וואָס זאָרגסטו זיך נאַריש מיידעל, דו קוקסט וואָס כ'ליג איצט דאָ אין דער דאָזיגער נאָרע, צווישען די געדיכטע וועלדער, דאָס איז דאָך נאָר צייטווייליג. מיר וועלען די אויפשטעהענדע פערטרייבען ווי די פליגען און דאַן וועל איך דיר אָוועקפיהרען צו זיך קיין מאָסקווע, דאָרט האָב איך אַ אייגענעם פּאַלאַץ, דו וועסט ביי מיר דאָרט לעבען ווי אַ פּרינצעסין, קיין פויגעל-מילך וועט דיר ביי מיר נישט פעהלען, דיין ווילען וועט פאַר מיר זיין אַ געזעץ, וואָס זשע ווילסטו נאָך איינער?—איז דען בעסער צו קוואָסנען דאָ ביי דיר אין פינסטערען שטעדטיל, ביי דיין טאַטען דעם קבצן, דעם אָרימען שלעפּער? זאָג, שעהנע טאַמאַרא, בלייבסטו אויך מיט'ן האַרץ מיינע? ער האָט זי געוואָלט אַריינגעמען אין זיינע אָרעמס. תּמר איז פון איהם ווי פון אַ שלאַנג אָבגעשפּרינגען.

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. פון קאַפּיטאַנ'ס פּאַלאַטקע הערט זיך אַ כראָפּען, ווי פון אַ געשאָכטענעם אָקס. די לופט אינעווייניג איז אָנגעפּולט מיט איבערגעבערענטען ספּירט. תּמר הויבט זיך אויף. ער שלאָפט—טראַכט זי זיך—ער איז טויט שכּור און אין דרויסען איז שטיל און פינסטער... אָך גאָט, העלף מיר זיך אַרויסצוקריגען פון דאַנען! גיך האָט זי אַ כאַפּ געטהון דעם קאַפּיטאַנ'ס מלבושים און זיי אָנגעהויבען אַרויפציהען אויף זיך; די הויזען, דעם מונדיר, די שטיוועל מיט די שפּאָרען, דעם שינעל, די שווערד, דאָס גלאַנציגע היטעל א. א. וו. די הענד האָבען ביי איהר געציטערט און דאָס האַרץ האָט געהאַמערט, דאָס אַלץ האָט תּמר בליץ שנעל געטהון און אין אייניגע מינוט אַרום איז זי שוין געווען אין דרויסען.

די וואַך האָט זי אָבגעשטעלט, זי האָט געוואָרפען דעם איהר שוין בעקאַנטען פּאַראָל און געגאַנגען ווייטער. די וואַך, דערזעהענדיג, אַז עס געהט דער קאַפּיטאַן, איז אָבגעשפּרונגען אין אַ זייט, סאַלוטירט און גלייך פערשוואונדען.

אַרויסגעהענדיג אויסער דעם לאַגער האָט זי זיך געלאָזט אין איין געלויף צום וועג, וואָס פיהרט אין איהר שטעדטיל.

פּלוצלונג האָט תּמר, דער „קאַפּיטאַן“ בעמערקט, ווי דריי מענער דערנעהנטערען זוך צו איהר. זי האָט אַרויסגעכאַפּט די שווערד און גרייט געווען ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט זיך צו פערטיידיגען.

די דריי זעלנער—פוילישע פּאַטרולען, האָבען זיך גלייך געכאַפּט צום געוועהר און בעפוילען דעם „קאַפּיטאַן“ אויפהויבען די הענד אין דער הויך. ווען זיי האָבען דעם קאַפּיטאַן ענטוואָפענט האָבען זיי, גליקליכע פון אַזאַ שטיקעל אַרבייט, גענומען דעם „חכט“ פיהרען צו זיך אין שטאַב אַריין.

די אויפשטעהענדע האָבען געיובל'ט פאַר פרייד, אַ קלייניגקייט, געפאַנגען אַ מאָסקאַלישען קאַפּיטאַן! אינגיכען איז אַלץ אויפגעקלערט געוואָרען, תּמר האָט פון זיך אַראָבגעצויגען די אָפיציר-שע קליידער און דערצעהלט אַלץ, וואָס מיט איהר איז געשעהן און וואו דער לאַגער פון די קאָזאַקען געפונט זיך.

דער אויפשטעהענדער פיהרער האָט תּמר'ן געשוואוירען, אַז ער וועט זי צושטעלען אַהיים צום פאָטער, אַז קיין עוולה וועט איהר נישט געשעהן.

באַלד איז דער גאַנצער פּולק געשטעלט געוואָרען אויף די פיס און אַוועק שטילערהייד אָנצוגרייפען דעם שונא.

די בית-עולם שטילקייט איז אין עטליכע צעהנדלינג מינוטען אַרום פערהילכט געוואָרען פון אַ מורא'דיגער קאַנאָנאַדע, וואָס האָט זיך געטראָגען פון דעם געדיכטען וואַלד אַרויס, געשרייען פון טויט און לעבען האָבען זוך געהערט אויף מייל'ען ווייט...

אַ קליינער טייל פון די קאָזאַקען האָט בעוויזען צו ראַטעווען זיך דאָס לעבען. דער קאַפּיטאַן פון די קאָזאַקען איז אין געצעלט אויף אייביג פערבליבען און דאָרט זיין קבר געפונען...

די ווירטשאַפטליכע צוואַנג.

די פּאָליטישע סצענע אין אייראָפּאַ הויבט זיך שוין ווידער אָן צו ענדערן. די פראַנצויזיש-ענגלישע גאָלד-פערשטענדיגונג האָט דערפיהרט צו דער ים-פערשטענדיגונג צווישען ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליען. די נייע אַנטאַנט אויפ'ן מערב האָט אריינגעברענגט א בעאונרוהיגונג אין דייטשלאַנד, אָבער נישט אין דער מאָס, ווי מ'האָט זיך געריכט און מ'האָט נישט לאַנג בעדאַרפט צו וואַרטען אויף די סבות פון דער דאַזיגער שוואַכער מורא. די סיבה איז נישט געלעגען אין דעם, וואָס זיי האָבען נישט געהאַט קיין אהנונג פון דער גרויסער ראָל, וואָס עס שפּילט די ים-פערשטענדיגונג. פּערקעהרט, זיי האָבען דאָס זעהר גוט פערשטאַנען, אָבער דער זיגרייכער צוג פון דער דייטשער דיפּלאָמאַטיע אויפ'ן פּאָליטישען און ווירטשאַפטליכען געביט, האָט פערטריבען די זאָרג פון זייער פּאָליטישען שטערן.

ווען הענדערסאָן האָט געבּרענגט צו דער פערשטענדיגונג פון פּאַריז מיט רוים, האָבען די דייטשע פאָרשטעהער אונטערגעשריבען א נייעם אָבמאַך וועגען סאָוויעטישע בעשטעלונגען אין דייטשלאַנד. די דייטשען קאָנען אפילו פעסטשטעלען, אַז אין מאָסקווא זענען אונטערגעשריבען געוואָרען בלויז בעשטעלונגען אויף סחורות, אַז עס איז געמאַכט געוואָרען א געשעפט, וואָס האָט נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט פּאָליטיק און מעגען זיי זיך אַפילו פעררופען אויף דער עפענטליכער מיינונג פון פאַשיסטישען איטאַליען, אַז דאָס אָנקניפּען ווירטשאַפטליכע בעציהונגען מיט סאָוויעט-רוסלאַנד איז נישט קיין רעזולטאַט פון א פּאָליטישער פערשטענדיגונג, אָבער אַזוי ווי מען ווייסט, אַז אין דער לעצטער צייט איז אין דייטשלאַנד דעצידירענד נאָר דער פּאָליטישער פאַקטאָר, איז שווער צו גלויבען, אַז אין מאָסקווא איז נאָר אונטערגעשריבען א בלויזער קאָנטראַקט וועגען בעשטעלונגען אויף סחורות. ווען דייטשלאַנד אַנגאַזשירט זיך אַלץ מעהר אין קרעדיטען, כדי אויפצוהויבען דעם לעבענסשטייגער פון 160 מיליאָניגען פאָלק און ווען זיי האַלטען אין איין איבערחזר'ן, אַז די ענטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע אין סאָוויעט-רוסלאַנד גיט נישט קיין אונגינסטיגע רעזולטאַטען, ווען עס שרעקט זיי אַפילו נישט אָב דאָס, וואָס רוסלאַנד האָט א גאַנץ אַנדערע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, איז א סימן, אַז א חוץ דאָס ריינע מאַטעריעלע געשעפט האָט אויך דייטשלאַנד עפּיס א פּאָליטישען אינטערעס אין רוסלאַנד.

ענג-געקניפּטע ווירטשאַפטליכע בעציהונגען צווישען די סאָוויעטען און דייטשלאַנד מוזען סוף כל סוף ברענגען צו געמיינזאַמע ווירטשאַפטליכע אינטערעסען פון ביידע מלוכות, וועלכע מוזען אויך דערפיהרען צו א געמיינזאַמען פּאָליטישען פראָנט.

פון דעם דאַזיגען שטאַנדפּונקט האַלטען מיר, אַז די לעצטע אַפּענסיווע פון דייטשלאַנד, איז א פּרוב ווירטשאַפטליך אַרומצורינגלען פּוילען.

די צווייטע זיגרייכע אָפּענסיווע פון דייטשלאַנד איז די פערשטענדיגונג פון דייטשלאַנד מיט עסטרייך וועגען דער צאָל-אוניע. לויט דעם דאַזיגען אָבמאַך וועט איינע פון די דאָזיגע מלוכות קאָנען אונטערשרייבען א האַנדעלס-אָבמאַך מיט א צווייטער מלוכה, נאָר אין דעם פאַל, ווען די צווייטע מלוכה וועט דערצו מסכים זיין.

מען דאַרף רעכענען, אַז עסטרייך וועט אַרומנעהמען די ווירטשאַפטליכע עקספּאַנסיע אויפ'ן באַלקאַן, און דייטשלאַנד—די לענדער פון מזרח און צפון-אייראָפּאַ. צוליעב דעם, וואָס אויפ'ן יסוד פונ'ם צאָל-אָבמאַך רעפּרעזענטירען די דאָזיגע צוויי מלוכות א גרויסע ווירטשאַפטליכע איינהייט, וועלען זיי גיכער און פריהער קאָנען צוציהען צו זיך די אַגראַר-לענדער, וועלכע ווערען פּעראַרימט, ווייל זיי האָבען נישט קיין אָבזאַץ-מאַרק. עס איז מעהר ווי זיכער, אַז פון איצט אָן וועלען די באַלטישע לענדער גיכער ציהען צום נייעם ווירטשאַפטליכען פראָנט צוליעב דעם ווירטשאַפטליכען נוצען, וואָס זיי וועלען קאָנען האָבען דערפון. הגם אין פּאָליטישען זין קאָנען זיי ביי אַזאַ מצב פערוואַנדעלט ווערען אין א בריק אָדער אין א קאָרידאָר צווישען דייטשלאַנד און רוסלאַנד.

האָבענדיג אונטער זיך רוסלאַנד און די באַלטישע מלוכות, וועט דייטשלאַנד זיין גרייט אריינצונעהמען פּוילען אין א ווירטשאַפטליכען צוואַנג און ענג צו מאַכען אונזער ווירטשאַפטליכע עקספּאַנסיע. עסטרייך, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א עקספּאָזיטור פונ'ם שטאַרקען און גרויסען דייטשלאַנד, וועט זיך כסדר בעמיהען צוציהען די אַגראַר-לענדער פון דרום-מזרח אייראָפּאַ. די דאָזיגע לענדער האָבען פערלוירען די האָפנונג אויף א ווירטשאַפטליכער פערשטענדיגונג פון גאַנץ אייראָפּאַ און זיי וועלען דעריבער מסכים זיין צו א רעגיאָנאַלער פערשטענדיגונג, וואָס וועט גרייכען פון האַמבורג ביז שטעטין וועט פיעל פריהער רעאַליזירט ווערען, ווי די ווירטשאַפטליכע פּאַן-אייראָפּאַ, וועלכע בריאַן האָט בדעה צו אָרגאַניזירען טראָץ דער לעצטער מפּלה פונ'ם צאָל-פרידען אין גענף.

עס איז שוין אויך נישט קיין ספק, אַז דער ווירטשאַפטליכער אימפּעריאַליזם פון דייטשלאַנד און עסטרייך וועט אויך ווערען א געפעהרליכע צוואַנג פאַר טשעכאָסלאָוואַקיען. דעריבער איז פערשטענדליך דער אויפרוהר, וואָס די דייטש-עסטרייכישע פערשטענדיגונג האָט אַרויסגערופען אין מערב-אייראָפּאַ און אין פּוילען.

יעדער גיט זיך אָב א דין-וחשבון, אַז די ווירטשאַפטליכע צוואַנג פון דייטשלאַנד'ס ווירטשאַפטליכען אימפּעריאַליזם איז אויך גלייכצייטיג א פּאָליטישע צוואַנג.

דעפּ. ד"ר פּ. ראַטענשטרייך.

„ספּולדאָם" (שותפות-הויז).

א אָנגעזעהענער לובלינער איינוואוינער האָט אונז איבערגעגעבען, אַז אין לובלין ווערען געבויט שותפות'דיגע וואוין-הייזער דורך א געוויסער געזעלשאַפט א. נ. „ספּולדאָם". אויף אונזער ביטע האָט ער אונז איינגעשיקט א בראָשור מיט דעם זעלבען נאָמען, וואָס די דאָזיגע געזעלשאַפט האָט אַרויסגעגעבען. גלויבענדיג, אַז די דאָזיגע בראָשור, וואָס בעהאַנדעלט די אָנגעווייטאָגטע דירות-פראַגע, ווי אויך דעם בוי-פּלאַן פון דער געזעלשאַפט, וועט אינטערעסירען די היגע איינוואוינער גיבען מיר איהר אינהאַלט מיט געוויסע פערקירצונגען.

בעזאָרג דיינע געשעפטען, בעשטעל דיין פעלד, דערנאָך זאָלסטו בויען דיין הויז, — אַזוי איז אַמאָל געזאָגט געוואָרען, היינט איז די זאַך פערקעהרט; איידער מען נעהמט זיך צו געשעפט, איידער מען בעאַרבייט דאָס פעלד, מוז מען טראַכטען וועגען א הויז, וועגען א דאַך איבער'ן קאָפּ. אין נאָרמאַלע צייטען איז עס קיין פּראָבלעם נישט געווען, הייזער זענען געווען גענוג, קיין דירות האָט נישט געפעהלט, ווייל עס איז געווען גענוג געלד, מען האָט געקריגען צו באָרגען אויף קליינע צינזען און א הויז איז געווען א עניין פון הכנסה, וואָס האָט געדעקט די צינזען פון קאַפּיטאַל וואָס מען האָט אריינגעלעגט נאָך מיט א עודף. דערצו איז דער קאַפּיטאַל וואָס מען האָט אריינגעלייגט אין הויז, געווען זיכער, מען האָט נישט געדאַרפט מורא האָבען פאַר קיין באַנקראָטען און דאָס הויז איז איבערגעגאַנגען בירושה צו קינדער און קינדס-קינדער.

אונזער צייט, די תקופה נאָכ'ן קריעג, האָט געבראַכט א ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער דירות-פראַגע. קודם כל האָט מען אין א משך פון צעהן יאָהר גאַר קיין נייע הייזער כמעט נישט געבויט. אָבער אַזוי ווי די בעפעלקערונג וואַקסט און די פאָדערונג אויף דירות שטייגט פון יאָהר צו יאָהר, האָט געמוזט קומען א הונגער אויף דירות. אויב עס וואָלט ווייטער געבליבען ביי דער אַלטער פאָרם דאָס דער בעל הבית מעג פערלאַנגען פאַר זיין דירה וויפיעל ער וויל, אויב דער פרייז פון דירות וואָלט בעשטימט געוואָרען לויט דער נאָכפראַגע און אָנגעבאָט, וואָלט געמוזט קומען צו א געוואַלדיגען יקרות אויף דירות. טויזענטער פאַמיליעס וואָלטען זיך געוואַלגערט אין יעדע שטאָדט ממש אויף דער גאַס, די אייגענטימער פון די הייזער וואָלטען זיך געלאָזט בעצאָהלען אַזעלכע פרייזען, דאָס נישט נאָר אָרימע לייט וואָלטען נישט געווען בכח צו דינגען א דירה, נאָר אפילו דער מיטעלער קלאַס וואָלט געמוזט פערקויפען פון זיך דאָס העמד אום צו דערהאַלטען דעם דאַך איבער'ן קאָפּ. ביי אַזאַ לאַגע, האָט די רעגירונג געמוזט איינפיהרען דעם לאָקאַטאָרען-שוץ, ד. ה. די רעגירונג האָט בעשרענקט דאָס רעכט פון בעל הבית אויף זיין הויז און האָט אַנערקענט דאָס רעכט פון „חזקה", דאָס רעכט פון לאָקאַטאָר אויף דער דירה וואָס ער האָט פערנומען, צו צאָהלען דירה-געלד לויט דעם פרייז פון פאַר'ן קריעג.

דער לאָקאַטאָרען-שוץ וואָס איז איינגעפיהרט געוואָרען כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער, איז אָהן שום ספק געווען א ברכה פאַר דער בעפעלקערונג. אַנ'ערך צעהן יאָהר זענען מענשען געזעסען רוהיג אין די אַלטע דירות און זענען געווען בעפרייט פון דער זאָרג פאַר א דאַך איבער'ן קאָפּ. ביי די שווערינקייטען און צרות וואָס די בעפעלקערונג האָט געהאַט אויסצושטעהן ביים בויען א לעבען אויף נייע פּאָליטישע און ווירטשאַפטליכע יסודות, איז דער לאָקאַטאָרען-שוץ געווען דער איינציגער ליכטיגע שטראַהל, דער איינציגער טרייסט פאַר די רואינירטע ברייטע מאַסען. פאַר אַלץ האָט מען געמוזט זאָרגען נור נישט פאַר קיין דירה-געלד, פון דער דאַגה איז מען געווען בעפרייט, ווייל דאָס דירה-געלד איז געווען אַזוי קליין, דאָס ער האָט אין בודזשעט פערנומען דעם קלענסטען אָרט.

אין דער ערשטער צייט איז דער לאָקאַטאָרען-שוץ אָהן שום ספק געווען א ברכה. מיט דער צייט האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז דאָס איז א שטעקען מיט צוויי עקען, אַז דער פאַקט וואָס דאָס דירה-געלד איז אַזוי נידריג, גיט נישט קיין מעגליכקייט צו בויען. ביי אַזאַ נידריגען צינז וואָס א הויז טראָגט, לוינט נישט אריינצולעגען קיין קאַפּיטאַל און בויען נייע הייזער. אמת טאַקע, אויף נייע הייזער איז דער לאָקאַטאָרען-שוץ נישט חל, אין נייע הייזער מעג דער בעל הבית נעהמען דירה-געלד וויפיעל זיין הארץ גלוסט, ער מעג אויך אַרויסזעצען א לאָקאַטאָר און אריינעהמען א צווייטען, וואָס וועט צאָהלען מעהר פאַר דער דירה. אָבער ווער וועט עס נעהמען א דירה אין א ניי הויז? ווער איז בכח צו צאָהלען אַזעלכע סומעס פאַר א דירה? עס איז שוין דערפאַר נישט מעגליך, ווייל אויב יענער סוחר צאָהלט פאַר א דירה נור הונדערט גילדען און מיר דאַרף די דירה קאָסטען פינף מאָל אַזוי פיעל, קען איך דאָך מיט איהם נישט קאָנקורירען. דער פועל יוצא פון דעם לאָקאַטאָרען-שוץ איז דאַרום געווען, דאָס עס האָט זיך פולשטענדיג אָבגעשטעלט די בוי-בעוועגונג, מען האָט אויפגעהערט בויען נייע הייזער און עס איז געוואָרען א פּאַסיק אויף אַלטע דירות, מען האָט געגעבען אָבטרעטגעלד גרויסע סומען, אום נור צו געניסען פון ביליגען דירה-געלד.

די רעגירונג האָט איינגעזעהן, אַז די לאַגע ווערט אונהאַלטבאַר און מען האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייז אָפּבויען, אָבשוואַכען דעם לאָקאַטאָרען - שוץ. דאָס דירה-געלד איז געוואַקסען פון יאָהר צו יאָהר און פאַר גרעסערע דירות עקזיסטירט ער שוין נישט מעהר, ד. ה. פאַר די דירות צאָהלט מען שוין דעם פולען פרייז פון פאַר'ן קריעג. אָבער די רעפאָרם האָט גאַנץ ווייניג געווירקט אויף דער בוי-בעוועגונג. עס געפינען זיך נאָך אַלץ ווייניג פּריוואַטע אונטערנעהמער וואָס זאָלען וועלען און זאָלען קענען אריינלעגען קאַפּיטאַל אין הייזער-בויען. די סיבה דערפון איז, וואָס פאַר דער צייט פון יאָהר 1914 ביז היינט, איז דאָס געלד געוואָרען שטאַרק ענטווערטעט, הונדערט פראַנק האָט היינט נישט מעהר דעם פאַקטישען ווערט וואָס זיי האָבען געהאַט פאַר'ן קריעג, און פון דער צווייטער זייט איז געלד געוואָרען טייערער, דער

וואָס געהערט וואָס געזעהן.

כי תזריע.

אַז מען וועט אָנהויבען צו זייהען מיט וואָהל-קאָמיטעטען, זאָלסטו וויסען, אַז עס קומען פאַר קהלה-וואַהלען און יעדער צווייטער יוד וויל און האַלט זיך פאַר ראוי צו ווערען א דאָזאָר.

כי תזריע, מען זייהט און עס וואַקסען אויס קאַנדידאַטען, וואָס ווילען דרעהען א ספּאָדעק און עס וועט זיך אָנהויבען א מחלוקה, יעדער צד וועט זיך וועלען אַרויסווייזען אַלס די יחידי-סגולה און אויף די אַנדערע וועט מען אויסטראַכטען, אַז זיי זענען „מצורע" פּאַרכעס, פּאַסקודניאַקעס און „קילעגראַבלערס".

אָבער רבותי, וואַרט א מינוט, איידער איך וועל אייך איבערגעבען וואָס עס הערט זיך אויפ'ן וואָהל-יריד, וויל איך קודם-כל פּטר'ן די אַלגעמיינע פערזאַמלונגען מיט די פאַרלעזונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען די לעצטע טעג.

זאָל מען זיי פערצייכענען לויט'ן סדר:

די ערשטע טעג.

זיי זענען אַדורך רוהיג, די סדר-נעכט זענען אָבגעריכט געוואָרען כהלכתם ווער עס האָט יאָ געהאַט איבער וואָס קידוש צו מאַכען און ווער נישט איז עס אַלץ פאָרגעקומען בחדרי חדרים, אונטער'ן שלאָס.

ערשט מוצאי יום-טוב, פרייטאָג-צונאַכטס איז די מנוחה געשטערט געוואָרען דורכ'ן אויפטריט פון דער „ווילנער טרופּע", וואָס האָט נישט געגעבען קיין רוה די שטענדיגע טעאַטער - בעזוכער, וועלכע דאָבען נישט געהאַט די פּאַר גראָשען אויף א בילעט און אויך האָט עס נישט געגעבען קיין מנוחה דעם געקרוינטען דירעקטאָר מאַזה, וואָס האַלט אַז נאָר ער אַליין בעזיצט דעם שם-המפורש פון דער ווילנער טרופּע.

די חול-המועד טעג

דערפאַר זענען געווען שטורמיש די פרייע יום-טוב טעג.

דעם ערשטען טאָג חול-המועד שבת אינדערפריה איז פאָרגעקומען א פערזאַמלונג פון די האַנדווערקער וועגען מצב און גורל פון דער אָרגאַניזאַציע.

און מערקווירדיג: די האַנדווערקער בילדען די גרעסטע און דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציע ביי אונז אין שטאָדט, זיי האָבען א קאַזאַרמע-דיסציפּלין און אויך זענען זיי די בעוואוסטזיניגסטע און פונדעסטוועגען לעבען זיי איבער א מאַטעריעלען קריזיס.

און הויך האָבען געקלינגען די ווערטער פון די האַנדווערקער-טהוער: ניעמיראָווסקי, דזיאַלאָוויטש, ש. קאַץ און אַנדערע וועגען דערהאַלטען און צעמענטירען די מעכטיגע אָרגאַניזאַציע.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען אַז דער שרעקליכער קריזיס האָט אָמשטאַרקסטען געטראָפען דעם בעל-מלאכה אַזוי אַז פאַר פסח, ווען אין די ערגסטע צייטען האָט דער האַנדווערקער געהאַט אַרבייט, זענען הונדערטער בעלי-מלאכות דעם היי-יעהריגען פאַר פסח געווען אַרבייטסלאָז און דאָס האָט ממילא געמוזט ווירקען אויף דער אָרגאַניזאַציע.

די דאָזיגע פערזאַמלונג איז געוועזען א האַרצרייסענדער געשריי געגען דער איצטיגער לאַגע בכלל און די לאַגע פון יודישען בעל-מלאכה בפרט.

צומאָרגענ'ס זונטאָג איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער האַנדווערקער-באַנק, ווידער די זעלבע בעלי-מלאכות, אָבער דער שאָטען פון צער און פערצווייפלונג וואָס האָט געשוועבט נאָך נעכטען איז היינט פערשוואונדען געוואָרען און מיט שטראַהלענדע פּנים'ער האָבען זיי טריומפירט וועגען זייער נצחון, וועגען זייער דערגרייכונג,

אויף צומאָרגענ'ס מאָנטאָג איז ווידער פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די גרויסע סוחרים און פאַבריקאַנטען און דאָרט האָבען זיך געהערט סוחרישע קרעכצען און זיפצען און עס איז געקומען צום אויסדרוק די ספּעציפישע יודישע מכה: קאָנקורענץ, פערקויפען אונטער'ן פרייז, נישט וועלען פערדינען, יענעם טהון צו להכעיס און זיך ס'קדחת...

מען האָט זיך בעראַטען, מען האָט געוועהלט און עס איז געבליבען ביים אַלטען, אויסער איין קשיא, וועלכע איז נישט פערענטפערט געוואָרען, מען שמועסט וועגען עפּיס 12 גלעזער טהיי, מיט מאַקאַראָנען און עס זענען געפאַלען סך-הכל עפּעס 7 שטימען, טאָ ווי זענען אהינגעקומען די איבעריגע 5 גלעזער טהיי?

עס זענען אַפילו פערהאַן אַזעלכע וואָס פערענטפערען עס גאָר פּשוט, אַז סוחרים טהון אַזוי ווי אין לעבען אויך, זיי נעמען 12 און ווען עס קומט צום רעכענען בלייבט נישט מעהר ווי 7, אָבער די קשיא בלייבט א קשיא...

די צווייטע טעג

זענען פאָרגעקומען פאַרלעזונגען פון די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען. אין איין צייט זענען פאָרגעקומען 2 פאַרלעזונגען פון די אַזוי-גערופענע „אונאָבהענגיגע", האָט געלעזען דער איינציגער יודישער רעפּערענט ד"ר קרוק, וועגען אַלטע פערגאַנגענע צייטען (א רמז אויף דער פּאַרטיי זיינער) און די צווייטע פאַרלעזונג פון „בונד" האָט געלעזען גרשון זיבערט וועגען דער לאַגע פון יודען אין פּוילען.

אויף צומאָרגענס אחרון של פסח האָבען די יונגע בונדיסטען געמאַכט א משפּט איבער דער בירגערליכער פּרעסע, זיי האָבען אָוועקגעזעצט די בעשולדיגטע אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק און אָהן רחמנות געצימבעלט וויפיעל זייער הארץ האָט געגלוסט.

די „דריטע" טעג.

היי-יאָהר האָבען מיר געהאַט אויך דריטע טעג, וואָס איז בעשטאַנען פון צוויי טאָג, שבת און זונטאָג,און אַט אין די צוויי טעג זענען ווידער פאָרגעקומען וויכטיגע געשעהענישען.

שבת נאָכמיטאָג איז פאָרגעקומען א מיטינג פון די רעכטע פּועלי ציון וועגען אַרבייטענדען ארץ-ישראל, און היות ווי דאָס שמעקט מיט ארץ ישראל האָבען זיי אָראַבגעבראַכט א „פּונט" וואָס זאָל רעפּערירען די דאָזיגע טהעמאַ, דאָס האָבען אָבער נישט געקענט ליידען די שונאים פון קאַפּיטאַל, די לינקע פּ. צ. און האָבען זיך אריינגעריסען און געשטערט, אַז זיי די „פאַשיסטען" זאָלען אַליין עראַבערען ארץ - ישראל, וואָרום אויב פּאַלעסטינא, זענען זיי קודמ'ער.

הכלל מען האָט זיך געריסען איבער ארץ ישראל, אַזוי ווי די יודען מיט די אַראַבער, איז געקומען ענגלאַנד, מיין איך די פּאָליציי און האָט זיי אַלעמען געוויזען א פייג — צוטריבען די פערזאַמלונג.

זונטאָג איז פאָרגעקומען א פערזאַמלונג פון „אחיעזר" מיט א געניגענדע צאָהל אָנוועזענדע, און מען האָט בעריכטעט, דיסקוטירט, בעשלאָסען און געוועהלט.

איין זאַך איז אָבער געווען אויפפאַלענד, אויף דער פערזאַמלונג איז געווען סך הכל איין איינציגע פרוי, כאָטש עס איז געגרינדעט געוואָרען א ספּעציעלע פרויען אָבטיילונג, וועלכע האָט געזאָלט זיין זעהר טעטיג.

עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז אונזערע ווייבעלעך זאָלען אונז לעבען און געזונד זיין, האָבען גאָהר נישט קיין חשק צו געהערען צו דער געזעלשאַפט לאמור, אַזוי צו זאָגען, זיי אונזערע אשת חיל'ס ווילען נישט זייערע מענער פערזאָרגען נאָכ'ן טויט, וואָרום א מאַנספערשוין אַז ער בלייבט אַנ'אַלמן קאָן ער בעקומען א נדן, דאַרף נאָך דאָס ערשטע ווייב איהם פערזאָרגען מיט געלד? אָבער אַז זי בלייבט אַנ'אַלמנה איז איהר דאָס געלד, וואָס זי בעקומט נאָכ'ן מאַנס טויט זעהר נוצליך.

והשנית, זענען די פרויען מעהר אָבערגלויביש און האָבען מורא, אַז זיי זאָלען חס ושלום נישט שטאַרבען פריהער פון מאַן, און איידער זייערע מענער זאָלען בלייבען אלמנ'ס ווילען זיי בעסער בלייבען אלמנות...

עד כאן וועגען די פערזאַמלונגען און פאַרלעזונגען.

איצט א פאַר שורות וועגען

וואַהל-יריד.

די אונטערערדישע אַרבייט צו די וואַהלען האַלט ביים סוף, און אַט שוין טרעט זי אַרויס אויף דער אויבערפלאַך.

זאָל מען א קוק טהון ווי מיר האַלטען אין דער וועלט, קודם כל זאָל מען אָנהויבען ביי אונזערע מיוחסים, ביי די אייגענטליכע מחותנים, ביי דער

„אגודה"

גענוי וואָס ביי זיי קומט פאַר ווייסט מען נישט, ווייל דאַרט ביי זיי איז אַלץ נתעלם מן העין, מען לאָזט נישט

פראצענט וואס דער קאפיטאל מוז טראַגען, איז היינט פיעל העכער ווי דאַמאָלסט. מיט די פרייזען פאר דירות וואס מען האט געצאהלט פאר'ן קריעג, קען מען זיך היינט נישט בעניגענען, אויף אזעלכע פרייזען לוינט זיך נישט צו בויען קיין הייזער. אזוי למשל איז אין פראנקרייך, וואו עס עקזיסטירט א לאקאטארען-שוץ, פונדעסטוועגען ערלויבט צו נעהמען פאר דירות מיט 150 פראצענט העכער און פאר געשעפטען מיט 175 פראצענט ווי אין יאהר 1914. אויסערדעם וועט פון 1-טען ליפיעץ 1931 מעגען דאס דירה-געלד שטייגען יעהרליך מיט 15 פראצענט ביז דער לאקאטארען-שוץ וועט אינגאנצען בטל ווערען. אויך אין דייטשלאנד וואו עס עקזיסטירט א לאקאטארען - שוץ אויף קלענערע דירות, האט די רעגירונג געהייסען לויט'ן געזעץ פון 1-טען אקטאבער 1927 העכערן דאס דירה - געלד ביז 120 פראצענט ווי פאר דער מלחמה און נעהמט 40 פראצענט דירה-שטייער. אזוי דאס אין בודזשעט פון ארבייטער און קליינעם בעאמטען נעהמט צו דאס דירה-געלד 28 פראצענט פון בודזשעט, אין דערצייט ווען אין יאהר 1914 האט דאס דירה-געלד אויסגעמאכט נור 24 פראצ. פון בודזשעט. פון די סומען וואס עס ברענגט אריין דער דירות-שטייער ווערען געבויט נייע הייזער. אין איטאליע איז נאך ערגער. דארט האט די רעגירונג געמיינט זיך צו קענען בעגעהן אהן לאקאטארען-שוץ, מען האט זיך הייסט עס געוואלט פערלאזען אויפ'ן יושר פון די בעלי - בתים. נור ווען די לאגע איז שוין געווארען נישט מעהר אויסצוהאלטען, האט די רעגירונג אין יאהר 1927 איינגעפיהרט א לאקאטארען-שוץ, וועלכער גיט אבער א רעכט צו העכערען דאס דירה-געלד, רעכנענדיג זיך מיט'ן פאקט, דאס די איטאליענישע וואלוטע איז שטארק געפאלען, — אויף פיער מאל אזוי פיעל ווי פאר'ן קריעג. דערצו ענדיגט זיך דער שוץ מיט'ן יאהר 1930.

(פארטז. קומט)

א בריעף פון ברעסלוי.

פון אונזער קארעספאנדענט **פ. שמולעוויטש.**

(סוף).

דער פערלאנג פון די אסט-יודען צו אנגאזשירען ר' ישכר טעמער (פון טשענסטאכאוו) אלס דיין, איז ענדגילטיג אראבגענומען געווארען פון טאג-ארדנונג, און דאס א דאנק די היגע ציוניסטען.

עס איז אינטערעסאנט צו איבערגעבען די פארגעשיכטע פון דער דאזיגער פראגע, כדי צו זעהען ווי אזוי די דייטשע יודען, איבערהויפט די ארטאדאקסישע ראבינער בעציהען זיך צו אזא רעליגיעזע פראגע.

מיר האבען גערעכענט אז גראד די ראבינער וועלען זיין פאר'ן אנגאזשירען א דיין וועלכער איז א שטרענג-רעליגיעזער יוד, און א מומחה אין זיין פאך, האבען די דאזיגע הערען אבער בעוויזען אז ביי זיי שפיעלט א גרעסערע ראלע די אבשטאמונג . צווישען מזרח און מערב.

דעם אמט אלס דיין האבען געוואלט בעקומען אויסער ה' טעמער אויך צווי דייטשע יודען, און אלע האבען געדארפט אבגעבען דעם געהעריגען עקזאמען פאר די ראבינער.

דער ארטאדאקסישער ראבינער ויסענדיג אז ר' ישכר איז אהן ספק מעהר מומחה און ראוי צו דעם אמט, ער איז אבער א אסט-יוד (אפשר איז דא אויך שולדיג א פערזעהנליכער אינצידענט) איז ער געפאלען אויף א המצאה, און טראץ דעם וואס ער אליין האט אין דער דאזיגער פראגע מעהר צו זאגען, האט ער געשיקט דעם ה' טעמער צום ליבעראלען ראבינער אויף א נאך-פערהער, זייענדיג איבערצייגט אז ה' טעמער וועט ביים ליבעראלען ראבינער נישט נושא-חן זיין.

דער ראבינער האט זיך אבער שטארק טועה געווען אין חשבון, ר' ישכר האט גראד שטארק געפעלען דעם ליבעראלען ראבינער, אויף וועלכען ער האט געמאכט א זעהר גוטען איינדרוק, און דער ראבינער האט געגעבען זיין פולע צושטימונג אז ר' ישכר איז ראוי צו זיין דיין.

האבען מיר דאך געקענט מיינען אז די זאך איז ערלעדיגט, אבער דא קומט די ריכטיגע מעשה וועלכע בעווייזט ווי אזוי די היגע ציוניסטען בעציהען זיך צו די אסט-יודען.

אזוי ווי די פראגע וועגען אנגאזשירען א דיין האט נאך געדארפט בעשטעטיגט ווער'ען דורך דער רעפרעזענטאנץ אין דער געמיינדע, האבען די אסט-יודען געוואלט אז די פראגע זאל פריהער נאכאמאל בעהאנדעלט ווערען אין דער קאמיסיע, און זיי האבען זיך געווענדעט פריוואט צו די פערשידענע גרופען און פארשטעהער פון די פארטייען וואס זענען פערטרעטען, עס זענען געקומען אין בעטראכט: די ליבעראלען, ווירטשאפטס-פארטיי, און די ציוניסטען.

די ליבעראלען זעהענדיג אז זייער ראבינער איז פאר דער קאנדידאטור פון ה' טעמער, האבען זיי צוגעזאגט צו זיין נייטראל, און זאל די פראגע עווענטועל נאכאמאל אריינגעהן אין דער קאמיסיע, די ווירטשאפטס-פארטיי האט צוליעב ריין ווירטשאפטליכע גרינדען אויך צו דעם איינגעשטימט, זענען נאר געבליבען די ציוניסטען מיט וועלכע מען האט גערעכענט אז מען וועט בעשטימט אדורכקומען, ווייל זיי האבען געוויס גארנישט געקענט האבען דאגעגען, און בעזונדער האבען זיי בעת די פריוואט אונטערהאנדלונגען צוגעזאגט צו שטיצען די קאנדידאטור פון ה' טעמער.

ווי ערשטוינט זענען מיר דאריבער געווארען אז ווען די מורה-הוראה פראגע איז געקומען אין דער קהלה-רעפרעזענטאנץ צו בעשטעטיגען און אונזער פארשטעהער האט, ווי געזאגט, פערלאנגט אז מען זאל די פראגע נאכאמאל צוריקשיקען אין דער קאמיסיע, האט גראד די ציוניסטין פרוי ד"ר ראבין (וועמענס מאן עס איז אליין א אסט-יוד און געהער צום מזרחי) ערקלערט אין נאמען פון די ציוניסטען אז די פראגע זאל שוין אויפ'ן ארט ערלעדיגט ווערען, און אז די ציוניסטען זענען דערפאר אז ר' ישכר זאל קיין דיין נישט ווערען.

אלע אנדערע ריכטונגען וועלכע האבען געמיינט אז די ציוניסטען זענען פאר ה' טעמער, זעהענדיג אז זיי זענען גאר געגען דעם, האבען נישט מעהר קיין ווארט גערעדט און דער פארשלאג פון די ציוניסטען איז אנגענומען געווארען, און די קאנדידאטור פון ה' טעמער איז אבגעפאלען.

דער דאזיגער טהאט האט ארויסגערופען א געוואלדיגע אויפרעגונג צווישען די אסט-יודען, וועלכע וועלען שוין וויסען ווי זיך צו פערהאלטען ביי די נעכסטע געמיינדע-וואהלען, איבערצייגענדיג זיך אז דער אינערליכער שונא איז געפעהרליכער ווי דער אויסערליכער.

אין נאמענס-טאג פון מארשאל פילסודסקי איז ביים היגען פוילישען קאנסול פארגעקומען א גרויסע פייערונג צו וועלכער עס זענען געווארען איינגעלאדענט א גרויסע צאהל פוילישע בירגער, און עס איז גערעדט געווארען וועגען דער ווידקונג און טעטיגקייט פון מארשאל אין נייעם אויפלעבענדען פוילען, און ווינשענדיג דעם מארשאל אריכת ימים איז דער עולם אין א געהויבענער שטימונג זיך פונאנדערגעגאנגען.

וואס פערמאגט די פוילישע מלוכה.

עס איז פערעפענטליכט געווארען א ווערק פון אינזש. ברושעווסקי, וועלכער ברענגט א צוזאמענשטעל פון דעם פערמעגען פון דער פוילישער מלוכה. לויט זיין אויסרעכנונג בעטרעפט דער פערמעגען פון דער מלוכה א סומע פון 16,401,578009 זלאטיס, ד. ה. העכער 5 מאל אזוי פיעל וויפיעל עס בעטרעפט דער יעהרליכער בודזשעט פון דער מלוכה. א העלפט פון פערמעגען — דאס זענען די קאמוניקאציע - מיטלען: די באהנען, וועלכע ווערען געשאצט אויף א סומע פון 7 און א האלבען מיליארד, וואסער-וועגען, שאסייען, פאסט, טעלעפאן און טעלעגראף. די מלוכה-וועלדער בעטרעפען 2,687 מיליאן זלאטיס און זענען הכנסה-אונטערנעהמונגען ווי די פאסט און טעלעגראף. די מאנאפאלען בעטרעפען 136 מיליאן זל. די מלוכה בענק—75 מיליאן. אחוץ דעם פערמאגט די מלוכה אייגענע פאבריקען פאר דער קריעגס-אינדוסטריע, גראפישע אנשטאלטען, קויהלען גרובען, פאבריקען פון מינעראל-אייל, וואסערלייטונגען, עלעוואטארען אויף א סומע פון 347 מיליאן זלאטיס. די מלוכה האט א חלק אויך אין געוויסע פריוואטע אונטערנעהמונגען אויף א סומע פון 31 מיליאן זלאטיס.

א גרויסען ווערט שטעלט מיט זיך פאר דאס בעוועגליכע און אונבעוועגליכע פערמעגען פון דער ציווילער און מיליטערישער אדמיניסטראציע. בלויז דאס קריעגס-מיניסטעריום פערמאגט אביעקטען אויף א סומע פון 2,111 מיליאן און דאס רייכסטע מיניסטעריום אין פוילען. רייך איז אויך דאס מיניסטעריום פאר עפענטליכע ארבייטען 743 מיליאן. דאס בילדונגס-מיניסטעריום איז נעבעך זעהר ארים און פערמאגט בלויז א פערמעגען פון 875 טויזענד זלאטיס. די אוניווערזיטעטען און אנדערע העכערע בילדונגס - אנשטאלטען בעטרעפען 170 מיליאן זל.

ביי צאהלרייכע בעשווערונג פונ'ם ווייבליכען געשלעכט ברענגט דאס נאטירליכע ביטער - וואסער Franciszka Józefa די בעסטע ערלייכטערונג.

לעבענסמיד דורך רעוומאטישע שמערצען!

אין דער צייט פון דעם איצטיגען קריזיס פאלען די טאג-טעגליכע דאגות זעהר צולאסט יעדען. און ווען עס קוועהלען איינעם דערצו נאך אונאויפהערליכע שמערצען, דעם קאן באמת דאס לעבען נמאס ווערען. דעריבער איז אויך זעהר אינטערעסאנט דער בריף פון ה' פ. מאנן ווארשא, קאנארסקעגא 5, אין וועלכען עס שטעהט צ. א.: זייט יאהרען לייד איך אויף רעוומאטיזם. די אונערטרעגליכע שמערצען האבען מיר דאס לעבען פערמיאוסט און איך בין נישט געווען פעהיג צו קיין ארבייט. איך האב בענוצט א סך מיטלען, וועלכע האבען ליידער נור פאראיבערגעהענד געווירקט, ווייל נאך א קורצער צייט האב איך ווייטער שמערצען געהאט. צופעליג האב איך א בעקאנטען פון מיינע ליידען דערצעהלט און ער האט מיר געראטען צו פרובען טאגאל-טאבלעטען, וועלכע ער האט שוין אליין מיט גרויס ערפאלג בענוצט, בשעת ער האט אויף נעווראלגיע געליטען. לויט זיין עצה האב איך אין אפטייק טאגאל גקויפט. מיט פרייד מוז איך פעסטשטעלען, אז דער ערפאלג איז געווען וואונדערבאר. שוין זייט 3 חדשים האב איך קיין שום שמערצען, איך פיהל מיך איצט פולשטענדיג געזונד און קאן. שוין ווידער ארבייטען. אויס דאנקבארקייט און אויף נאמנות עמפפעהל איך יעדען ליידענדען טאגאל-טאבלעטען אלס היילמיטעל. עס איז באמת נישט פערהאנען גאר קיין בעסערס איבער טאגאל געגען רעוומאטיזם, גיכט, שמערצען און רייסען אין די געלענקען, ברעכען אין די ביינער, קאפ- און נערוועו-שמערצען, גריפע, ערקעלטונגען. איבער 6000 דאקטוירים-אטעסטאטען, דאפון א סך בעריהמטע פראפעסארען. טאגאל איז עוקר מן השורש די קראנקהייט אויף א נאטירליכען אופן און איז אונשעדליך פאר'ן הארץ, מאגען און אנדערע ארגאנען. טויזענדער ליידענדע האבען זייער געזונדהייט א דאנק טאגאל-טאבלעטען צוריק געווינען. פרובט און איבערצייגט אייך אליין! צו בעקומען אין אלע אפטייקען.

צו קיין פרעמד אויג, אז עס זאל נישט שולט זיין קיין עין-הרע, אבער דאס ווייסט מען אז עס קומט פאר זיצונגען, בעראטונגען, מען רעכענט, מען קאמבינירט און אין דער לעצטער מינוט וועלען זיי ארויס מיט דער באמבע.

מען שמועסט אפילו, אז די „אגודה" איז דאסמאל געשפאלטען, מחמת די פילצער חסידים האבען זיך צוליעב א מעשה שהיה, אנגעברוגז'ט און בילדען א בעזונדערע פראקציע, זיי האבען זאגאר געגרינדעט א קאמיטעט, נאר, נאר, דעם אמת זאגענדיג, ווייס איך נישט וואס מיט זיי איז געווארען, ווארום ביי די חברה איז דאך רזין דרזין, דעריבער וועט מען וועגען זיי רעדען א אנדערש מאל, ווען מען וועט שוין וויסען קלארעס, איצט וועט מען זיך א נעם טהון צו די

אונפארטייאישע

איך האב בעקומען א בעריכט פון א פערזאמלונג, וואס איז פארגעקומען ביי די אונפארטייאישע רעליגיעזע יודען וואו עס זענען געוועזן אויסגערעכענט 118 פארשטעהער פון 59 שטיבלעך און מנינים.

זיי האבען געבילדעט א קאמיטעט מיט א עקזעקוטיווע, מיט א פרעזידיום אז"וו.

זיי, די אונפארטייאישע נעמען ארום — אזוי ווי עס זאגט מיר דער בעריכט אבגעבער — די גאנצע יודישע בעפעלקערונג, ווארום די 118 פארשטעהער פון די 59 מנינים זענען דאס גאנצע יודישע „פאלעק" ביי אונז אין שטאדט..

דערביי מאכט ער מיר אזא חשבון, 18 פרנסים קלויבט טשענסטאכאוו און 18 פערטרעטער, האט מען בעזארגט שוין 36 מיטגלידער, דאן ווערט געוועהלט 12 דאזארעס און 12 פערטרעטער איז א קימא לן פון 24, סך הכל מאכט עס אויס 60, בלייבען איבער נאך 58 „פארשטעהער" נישט בעזעצט, האט מען בעשלאסען — דערצעהלט ווייטער מיין בעריכט-אבגעבער — צו בילדען א קאלא-ראדניך פון די איבריגע 58 פערזאן, אזוי אז אלע וועלען זיין צופרידען.

וואס עס וועלען אויף דעם זאגען די איבריגע פראקציעס, ווי „אגודה", „מזרחי", ציונים, האנדווערקער, דאס איז א צווייטע פראגע, די אונפארטייאישע מאכען זיך זייער חשבון און פטור, אבער ווי עס ווייזט אויס לאזען יודעלעך נישט בעקומען, אין דער לעצטער מינוט ווער איך געוואויר, אז דער אונפארטייאישער רעליגיעזער בלאק מיט זייערע 118 פארשטעהער פון די 59 שטיבלעך און מנינים האט געפלאצט און די ראדאמסקער חסידים וואס בילדען אין דעם בלאק א גרויסע צאהל, מאכען שבת פאר זיך און גרינדען א אייגענע פראקציע, מיט זייערע פארשטעהער, מיט זייערע שטיבלעך.

א ספעציעלען קאמוניקאט וועלען מיר מסתמא בעקומען צוגעשיקט.

מזרחי

אויך די „מזרחי" וואס בעשטעהט פון סאמע „גענעראלען" זענען זיך דעם פערגאנגענעם שבת צונאכטס צונויפגעקומען און נאכ'ן בעשפרעכען די איצטיגע לאגע און די סיטואציע אין געגעבענעם פאל געגרינדעט א וואהל-קאמיטעט, וואס זאל ארויסלאזען א קאמוניקאט און צו וויסען געבען די ברייטע יודישע בעפעלקערונג וועגען איהר פלאטפארם און פראגראם צו די קינפטיגע קהלה-וואהלען.

די גענעראלער פון „מזרחי" זענען גרייט צום שלאכט, עס נויטיגט זיך נאר די ארמעע, וועלכע וועט מן-הסתם קומען...

ציונים

זיי האלטען זיך אין איין גרייטען, נאר היות ווי זיי רעכענען אויף די ברייטע פאלקס - מאסען, איז זייער זיעג א געזיכערטער...

קאמף מיט דער פינסטערניש (וואלקא ס'טשעמנאטאן).

אונטער דער דאזיגער לאזונג איז פארגעקומען אין דער נייער סינאגאגע א בעראטונג פון די שוהל-מתפללים און בעטראכט וואס זאלען זיי טהון ביי די קינפטיגע קהלה-וואהלען.

די זיצונג איז פארגעקומען ביי יום-כפור ליכט, וואס האט אריינגעברענגט די פערזאמעלטע אין א יום - כפור שטימונג.

עס האט געהאלטען א רעפעראט ד"ר בראם וועגען וואהלען, בלאקען, וועגען פערבינדען זיך, מען האט נישט געוואוסט אייגענטליך אין וועמענ'ס נאמען ער רעדט, צי פון די ציוניסטען, וועמענס פרעזעס ער איז, צי אין נאמען פון דער נייער שוהל, עד שקם ר' משה'לע ראזענצווייג און האט ארויסגזאגט (אויף מאמע לשון) וועגען וואס עס האנדעלט זיך.

„מיר, די מתפללים פון דער נייער סינאגאגע, וועלכע זענען א גליד אין פון דעם יודישען קבוץ אין אונזער שטאדט טארען נישט דערלאזען, אז די קהלה זאל בעהערשט ווערען דורך די אגודה-לייט, וועלכע ווילען צוריק איינפיהרען ביי יודען די געהעטא, לכן ווילען מיר זיין אקטיוו און אויך זאגען אונזער ווארט וועגען די קהלה-ענינים, און היות, ווי מיר אליין זענען צו שוואך צו געהן בעזונדער צו די וואהלען, לכן זאלען מיר אלס א גרופע זיך אנשליסען אין א געוויסער ריכטונג, וואס האט א פאזיטיווע שטעלונג צום יודישען נאציאנאל-קולטורעלען לעבען, למשל ווי „מזרחי", ציונים אז"וו און מיט זיי צוזאמען שלאגען די „אגודה".

די שטאדט-שוהל

שמועסט מען האט אויך בעשלאסען צו געהן זעלבסטשטענדיג צו די וואהלען און צו דעם צוועק איז צונויפגערופען געווארען א פערזאמלונג פון די מתפללים זיך צונויפגערעדט און אויסגערעדט, אז מען געהט צו די וואהלען אין דער קהלה.

וועגען קאנדידאטען און מאנדאטען וועט מען בעשפרעכען אייף דער צווייטער ענגער—ברייטער פערזאמלונג.

ביי די האנדווערקער

הויבט זיך שוין אן צו רודערען, מען האט שוין איינגעלאדען, מען בעראט זיך שוין און שוין די נעכסטע טעג וועט „עמך" ארויסגעבען א קאמוניקאט וועגען זייער געשאפענעם וואהל-קאמיטעט און וועמען זיי שטעלען ארויס אלס דאזארעס.

מען וועט באלד רופען פערזאמלונגען און די חברים וועלען גערופען ווערען זיך צו שטעלען אונטער דער דיסציפלין, צו דער ארבייט.

עס איז נאך נישט בעוואוסט וואס עס הערט זיך ביי די

קליינהענדלער.

אמאל, אין יענע צייטען, האבען זיי אויך געפיהרט וואהל - קאמפאניעס און האבען זאגאר אדורכגעפיהרט א געוויסע צאהל פרנסים, דאסמאל הערט מען נישט וועגען זיי.

קליינהענדלער, אויב איהר זענט פערהאנען, רופט אייך אב, ווארום איצט האט איהר די מעגליכקייט צו מאכען א טומעל.

נו, דאכט זיך, אז איך האב אין קיינעם נישט פערגעסען און טאמער יא? אפשר האב איך עמיצען - אדורכגעלאזט זאלט איהר אויף מיר נישט האבען קיין תרעומות, ווארום איך בין אביסעל צודרעהט פון די אלע וואהל-קאמיטעטען מיט זייערע פלאטפארמעס און איך האב נאך נישט רעכט צוקייעט דעם גאנצען פלאנטער, וואס דא וועט זיך מיט גאט'ס הילף מאכען, איבריגענ'ס ווער עס וויל זיך נאך מעלדען מיט זיין וואהל-קאמיטעט, סיי געזעלשאפטען און אויך יחידים, קענען זיך ווענדען אין רעדאקציע צו מיר פערזענליך.

איצט צום סוף, וויל איך נאך מעלדען וועגען די געזעלשאפטען, פארטייען און פעראיינען, וואס געהן נישט צו די איצטיגע וואהלען.

ואלו הן: א) סוחרים און פאבריקאנטען-פעראיין, זיי האבען געגעבען זייערע מיטגלידער פרייע הענד צו קאנקורירען, כ'מיין צו שטימען פאר וועמען זייער הארץ גלוסט, ב) דער בונד, דער איינציגער פארשטעהער, ער האט בעשלאסען אין דער היינטיגער רעאקציאנערער קלעריקאלער קהלה נישט צו געהן און נישט בעטייליגען זיך אין די וואהלען. דאן ג) כל הנערים, די פערשידענע טל ומטר פארטייעלעך, ווי רעכטע און לינקע פ. צ., וועלכע וועלען נישט וועלען ארויסווייזען זייער „שטארקע" ארגאניזאציע, וועלען צו די וואהלען פון „פרינציפיעלען" שטאנדפונקט נישט געהן.

אויך וועלען נישט געהן צו די וואהלען די איבריגע געזעלשאפטען, ווי: הכנסת כלה, מלבוש ערומים, עזרה, לינת הצדק, אכראנקעס, מושב זקנים, גערטנער- פערמע, האנדווערקער-שולע, סאלא זאיענטש, קימפעטארינס-פעראיין.

דאס איז אין קורצען דער איבערזיכט ביז איצט און וועגען ווייטערע געשעהענישען אויפ'ן וואהל-פראנט וועט אייך צו דער צייט באלד בעריכטען אייער

לויתן.

אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „אחיעזר“.

פערגאַנגענעם זונטאג איז אין לאָקאַל פון דער האַנדווערקער-באַנק אַלעע 12, פאָרגעקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט „אחיעזר“.

ד"ר הירשבערג עפענט די פערזאַמלונג און ערקלערט אַז זי איז גילטיג ביי יעדע צאָהל אַנוועזענדע, ווייל עס איז דער צווייטער טערמין, ער בעדויערט נאָר, וואָס די מיטגלידער האָבען וועניג פערשטענדניס פאַר דער אַזוי וויכטיגער אינסטיטוציע, וואָס איז נישט קיין פילאַנטראָפּישע, נאָר געגענזייטיגע ברידערליכע הילף.

אַז די געזעלשאַפט איז זעהר וויכטיג קען בעווייזען דער פאַקט, וואָס עס איז געשעהן אין נאָוועמבער פאָריגעס יאָהר מיט'ן מיטגליד אַלעקסאַנדער סטראַנגין, וועלכער איז געשטאָרבען ווייט פון זיין היים און די אַלמנה האָט בעקומען אויסגעצאָהלט אַ געוויסע שטיצע.

דער עולם שטעהט אויף פון די ערטער און בעעהרען דאָס אַנדענקען פון פערשטאָרבענעם אל. סטראַנגין.

אַלס פאָרזיצער ווערט פארבעטען ה' י. גריכטער, אַלס בייזיצענדע די ה"ה ש. ניעמיראָווסקי און אינזש. פעגין, סעקרעטאַר — ה' וויינבערג.

ה' וויינבערג לעזט דעם פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, וואָס ווערט בעשטעטיגט.

ה' סאַק, גיט אָן דעם טעטיגקייטס-בעריכט פון וועלכען עס ווייזט זיך ארויס אַז אַ געוויסע צאָהל מיטגלידער האָבען נישט ערפילט זייער עלעמענטאַרען חוב ביים איינצאָהלען די 10 זל. בעת'ן שטאַרבען פון אַ מיטגליד און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זיי זענען דריי מאָל אויפגעפאָדערט געוואָרען האָבען זיי דאָך נישט איינגעצאָהלט, דאָן זענען פערהאַנען אַזעלכע, וואָס האָבען נישט איינגעצאָהלט דאָס איינשרייב-געלד און דעם מיטגלידס-אָבצאָהל, דעריבער האָט די פערוואַלטונג, פערופענדיג זיך אויפ'ן פּונקט 17 פון סטאַטוט, אויסגעשלאָסען אַ רייהע מיטגלידער, אַזוי אַז פון די צאָהל 250 וואָס זענען געווען דאָס הייריגע יאָהר פערשריבען געבליבען סך הכל 200 מיטגלידער.

דאָן קריטיקירט ער די פערוואַלטונגס מיטגלידער, וועלכע האָבען פאַראַליזירט די אַרבייט און די גאַנצע לאַסט פון די אַרבייט איז געלעגען אויף יחידים.

ווען דער רעדנער וויל אַרויסלייענען די ליסטע פון די אויסגעשלאָסענע מיטגלידער בעהט ה' ניעמיראָווסקי אַ וואָרט און אַ פאָרמעלע פראַגע און פאָדערט קאַטעגאָריש, אַז מען זאָל די נעמען פון די אויסגעשלאָסענע נישט ארויסלייענען ווייל דאָס וועט מאַכען אַ שלעכטען איינדרוק און וועט אָבשטויסען מענשען פון דער געזעלשאַפט, עס ענטוויקעלט זיך אַ דיסקוסיע וועגען דער פראַגע, און עס ווערט בעשלאָסען מיט אַ מעהרהייט שטימען די ליסטע נישט אַדורכצולעזען.

דער בעריכט - אָבגעבער רעדט נאָך וועגען די פּרובען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען צו אָרגאַניזירען אַ פּראָוויאַנט-אָבטיילונג, נאָר לײדער האָט עס זיך נישט איינגעגעבען, אויך איז געפיהרט געוואָרען אַ- פּראָפּאַגאַנדע - אַרבייט צווישען פערשידענע עקאָנאָמישע געזעלשאַפטען און אין די בתי-תפילות.

אין דער דיסקוסיע נעמען אַנטייל די ה"ה יעשינאָווסקי, ש. ניעמיראָווסקי, ברוין, פּרוי אינז. דאַווידאָוויטש, אינז. פּעגין, א. אַנד.

עס ווערט אויסגעדריקט צוטרוי דער אָבטרעטענדער פערוואַלטונג.

ה' קראַק לעזט דאָן דעם פּראָטאָקאָל פון דער רעוויזיאַנס-קאָמיסיע און דעם קאַסע - בעריכט, וועלכע ווערען בעשטעטיגט.

עס ווערט נאָך אַ קורצע דיסקוסיע אַנגענומען דער בודזשעט אויפ'ן לויפענדען יאָהר אין דער סומע פון 3520 זל. מיט'ן רעכט איבערצושרייטען מיט 10 פּראָצענט.

אין דער פערוואַלטונג ווערען אויסגעוועהלט די ה"ה:

י. שלעזינגער, פּראַפּאַרט, ד"ר הירשבערג, ב. שלעזינגער, סאַק, זוסמאַן, ד. דזיאַלאָוויטש, שטאַקמאַן, וויינבערג, ד. באַכענעק, ד. שייקאָוויטש, האָפּטקאַ, הערצבערג, קראַק און א. זילבערשטיין. אַלס פערטרעטער: ד. באַרזיקאָווסקי, ב. קורלאַנד, ראָטבאַרד, ליבראָוויטש, אינז. פשיסוסקער, לאַריע און בוגייער.

אין דער רעוויזיאַנס - קאָמיסיע די ה"ה: הערשליקאָוויטש, ראָזענבלום און ווישליצקי.

עס ווערט נאָך אַנגענומען פאָלגענדע פרייע פאָרשלאָגען:

1) אויב די געזעלשאַפט וועט האָבען 500 מיטגלידער זאָל צוזאַמענגערופען ווערען אַ אַלגעמיינע פערזאַמלונג אויף וועלכע מען זאָל פערקלענערען דעם מיטגלידס-אָבצאָהל.

2) די פערוואַלטונג זאָל זיך בעמיהען צו שאַפען אַ אייגענעם לאָקאַל, וואָס זאָל דינען פאַר דער יודישער אינטעליגענץ אין אונזער שטאָדט.

3) אויסדריקען אַ דאַנק דער האַנדווערקער-באַנק פאַר'ן אָבגעבען אומזיסט דעם זאַל אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג.

אַנ'איינפאַך מיטעל געגען רויטע הענד.

גראָד די אַרבייטזאַמסטע ווירטינ'ס ליידען אָפט צוליעב זייערע רויטע און צופלעצטע הענד. פאַרוואָס אייגענטליך? יעדער מאַנספערשוין וויל ליבער זעהען ווייסע און געפּפלעגטע הענד. מען עמפּפעהלט דעריבער נאָכ'ן וואַשען, איינצורייבען די הענד מיט עטליכע טראָפּען ציטרין-זאַפט און אויף ביינאַכט מיט לאַנאָלין אָדער גליצערין—און אין פאַל פון נויטווענדיגקייט אויף ביינאַכט אָנטהון הענדשקעס.

אַזאַ מין פּפלעגע קאָסט קוים עטליכע גראָשען. די הויפּט-זאַך אָבער איז: בענוצען נאָר גוטע, ריינע זייף, צ. ב. די אַראָמאַטישע זייף „קאַלאָנטיי“ (שוץ-מאַרקע וואַש-ברעטיל), וועלכע ענטהאַלט גליצערין און איז זעהר מילד.

אַלג. פערזאַמלונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער האַנדעלס-באַנק.

פערגאַנגענעם שבת אָוענד איז אין אייגענעם לאָקאַל, נייער מאַרק 4, פאָרגעקומען די ערשטע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער האַנדעלס-באַנק.

די פערזאַמלונג עפענט דער וויצע-פּרעזעס פון אויפזיכטס-ראַט ה' יחזקאל בראַניאַטאָווסקי.

אַלס פאָרזיצענדער ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט ה' מ. רוזשעוויטש, אַלס בייזיצענדער ה' ב. באַטשאַן, סעקרעטאַר—ה' י. ברוין.

עס ווערט געלעזען דער פּראָטאָקאָל פון דער גרינדונגס-פערזאַמלונג, וועלכער ווערט גענומען צו קענטניס.

אויך ווערט בעשטעטיגט דער אַדורכגעלעזענער פּראָטאָקאָל פון אַלגעמיינעם רעוויזיאָנס-פערבאַנד, אונטערגעשריבען דורכ'ן רעווידענט ה' פּאַלנער.

דער פּראָטאָקאָל שטעלט פעסט, אַז די באַנק ווערט געפיהרט אין הסכם מיט'ן געזעץ וועגען קאָאָפּעראַטיווען. אויף די קליינע בעמערקונגען וועגען טעכנישע אויסבעסערונגען האָט זיך די באַנק צוגעפּאַסט.

דעם טעטיגקייטס-בעריכט, גיט אָב דער פּרעזעס פון דער פערוואַלטונג ה' ס. ל. אַבראַמזאָן, וועלכער זאָגט צווישען אַנדערען, אַז מען מוז נעמען אין אַכט, דאָס די באַנק געפינט זיך ערשט אין אָרגאַניזירונגס-סטאַדיום און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס עס איז אַ שווערער מאַטעריעלער קריזיס אין לאַנד קאָנען מיר דאָך שטעלען זיין אויף אונזער דערגרייכונג. מיר האָבען בעקומען דאָס מאָראַלישע צוטרוי פון די ברייטע געזעלשאַפטליכע קרייזען. מיר בעקומען אינקאַסאָס פון וועקסלען, פּראָטעסטען און אַנדערע פערטרויאונגס-דאָקומענטען פון די גרויסע יודישע און נישט-יודישע בענק אין פוילען. אַזוי האָט, למשל, די באַנק בעקומען אויף אינקאַסאָ 33.500 וועקסלען, אויף אַ סומע פון איבער 5 מיליאָן זלאָטעס. שוין פון דעם אַליין קען מען זעהען מיט וואָסער פערטרויען מען בעציהט זיך צו אונזער באַנק.

קרעדיטען, האָט די באַנק ערטיילט העכער אַ מיליאָן זלאָטעס. בכלל האָט די באַנק זיך בעמיהט צופרידען צו שטעלען די מיטגלידער אין די ראַהמען פון איהרע מעגליכקייטען.

עס ווערט דאָן געלעזען דער בילאַנס, וועלכער ווערט אַקצעפּטירט דורך די פערזאַמעלטע.

ריוח האָט די באַנק געהאַט די סומע פון 314.45 זל., וועלכע ווערט צוטיילט פאַר פאָלגענדע: 114.45 אויפ'ן רעזערוו-פאָנד, 100 זל. פאַר'ן יודישען שפּיטאָל, 50 זל. פאַר בית לחם און 50 זל. פאַר'ן יתומים-הויז.

דער דאָזיגער שעהנער טהאַט דאַרף דיענען אַלס ביישפּיעל פאַר אַנדערע בענק.

פערוואַלטונגס-זיצונגען זענען פאָרגעקומען 31, פון אויפזיכטס-ראַט—16, בשותפות'דיגע 13.

נאָך אַ קורצער דיסקוסיע ווערט אויסגעדריקט אַבסאָלוטאָריום דער פערוואַלטונג און ראַט.

ה' אַבראַמסאָן ערקלערט, אַז ער איז אויסגעלאָסעוועט געוואָרען פון דער פערוואַלטונג.

עס קומען פאָר וואַהלען צום אויפזיכטס-ראַט, וועלכע גיבען פאָלגענדען רעזולטאַט. עס ווערען געוועהלט די ה"ה ס. ל. אַבראַמסאָן, יוזעף שטאַרקע און מיכאל רוזשעוויטש.

דעם בודזשעט רעפערירט דער פאָרזיצער, וועלכער זעהט פאַר די סומע פון 24,000 זל. מיט'ן רעכט איבערצושטייגען מיט 20 פּראָצ.

עס ווערט אויך בעשלאָסען נאָך אַ דיסקוסיע צו העכערען דעם פּאַי פון 30 אויף 100 זל.

עס ענטוויקעלט זיך אַ דיסקוסיע וועגען דעם העכסטען קרעדיט, וואָס די באַנק קען ערטיילען און נאָך אַ גענויע אויפקלערונג פון דירעקטאָר ה' ווײמאַן ווערט בעשטימט, אַז דער העכסטער קרעדיט קאָן ערטיילען איז 10,000 זל.

מיט דעם ווערט די פערזאַמלונג געשלאָסען.

OBWIESZCZENIE

NAGRODY 25 ZŁOTYCH

za wskazanie przekupnia sacharyny

NAGRODY 75 ZŁOTYCH

za wskazanie sklepu, sprzedającego nielegalnie sacharynę.

Używając sacharynę zamiast cukru, oszukujesz samego siebie. Sacharyna jest dla organizmu bez wartości. Sprzedaż sacharyny dozwolona jest jedynie za receptą lekarską.

Tymczasem **po jarmarkach i po wsiach kręcą się przekupnie, sprzedający sacharynę. Sprzedają ją też po sklepach nieuczciwi kupcy.**

Policja na każde wezwanie obowiązana jest oskarżenie sprawdzić, spisać protokuł i skierować sprawę do władz skarbowych, dla przekazania sprawy Sądowi, który wymierza na zasadzie Rozporządzenia Pana Prezydenta Rzplitej, z dn. 7 pazdziernika 1927 r., karę w wysokości od 200 do 2.000 złotych, a oprócz tego 2 tygodnie do pół roku aresztu.

Każdy obywatel, który przyczyni się do ujęcia handlarza sacharyną, otrzyma 25 złotych nagrody, a kto wskaże sklep, w którym znajdą sacharynę, otrzyma 75 złotych.

Urząd Skarbowy Akcyz i Monopolów Państwowych.

פּסח-פייערונג ביי די ציוניסטען-רעוויזיאַניסטען.

פּערגאַנגענעם דאָנערשטאָג, אחרון של פּסח, אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז פאָרגעקומען די פּסח-פייערונג פון די ציוניסטען-רעוויזיאַניסטען.

די אַנוועזענדע מיטגלידער האָבען זיך אָוועקגעזעצט ביי שעהן סערווירטע טישען און דער וויצע-פּרעזעס ה' מ. רוזשעוויטש עפענט די פייערונג (אין העברעאיש) און ער זאָגט: מיר פייערען היינט דעם טראַדיציאָנעל-היסטאָרישען זמן-חרותנו, דעם יום-טוב פון פרייהייט, דאָס איז ביי אונז אַ הייליגער סימבאָל —אַנ'אימפּולס פאַר'ן וויטערדיגען פרייהייטס-קאַמף, פאַר'ן ענדגילטיגען נצחון, עס ליגט דעריבער אויף אונז דער נאַציאָנאַלער חוב, אַז מיר מוזען זיך מיט מעהר אָפּפערווילליגקייט ווידמען דער יאָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבייט, וואָס עס האָט איינגעפעדימט אונזער גרויסער מנהיג זאב זשאַבאָטינסקי. דאַ הויבט ער אויף אַ טאָאַסט לכבוד זיין געזונד.

ווייטער האָט זיך ענטוויקעלט אַ זעהר אינטערעסאַנטער אַקטועלער פּאָליטישער שמועס, אין וועלכען עס האָבען אַנטייל גענומען די ה"ה וואַרשאַוער, סטוד. בראַטמאַן, קאַפּינסקי, וועלכער האָט געהאַלטען אַ טאָאַסט לכבוד דעם ציוניסטישען מנהיג נחום סאָקאָלאָוו אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין 70-יעהריגען יובילײ, אויך סטוד. לאַסקער, לוסטיגער א"א.

עס איז בעעהרט געוואָרען מיט אויפשטעהן דער אַנדענקען פון די דריי פּרישע קרבנות, וועלכע זענען ערמאָרדעט געוואָרען אין א"י.

דאָן האָט דער פאָטאָגראַף ה' ביבער געמאַכט אַ אויפנאַהמע.

מען האָט זיך אונטערגעהאַלטען ביי אַ גלעזיל „כרמל“-ווײַן און געזינגען פערשידענע ארץ-ישראל לידער.

מיט'ן שלוס-וואָרט פון וויצע-פּרעזעס ה' מ. רוזשעוויטש און מיט'ן געזאַנג פון „התקוה“ איז די הערליכע פייערונג געשלאָסען געוואָרען. ל. ק.

אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „תרבות“.

מוצאי שבת דעם 11 ד. ח. איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „תרבות-סניף“.

די גרויסע צאָהל אַנוועזענדע האָט עדות געזאָגט אויף די שטאַרקע פעראינטערעסירונג פון דער יוגענד מיט דער „תרבות“ טעטיגקייט.

די פערזאַמלונג עפענט ה' יאַנאָווסקי און שטעלט זיך אָב אויף די שווערע בעדינגונגען, ביי וועלכע עס האָט געאַרבייט דער היגער „תרבות“, ער דערמאָנט די נישט לאַנג פערשטאָרבענע העברעאישע דיכטער און זייער נאָמען ווערט בעעהרט מיט אויפשטעהן.

אַלס פאָרזיצענדער ווערט אויסגעוועהלט ה' נאָוואַק, וועלכער פערבעט אַלס סעקרעטאַר דעם ה' שיפער.

ה' יאַנאָווסקי שטעלט זיך אָב אויף די פערשידענע סבות וואָס האָבען גורם געווען, אַז די פערוואַלטונג זאָל נישט קענען ענטוויקלען די טעטיגקייט ווי געהעריג. איינע פון די וויכטיגסטע סבות איז דאָס גלייכגילטיגקייט מיט וועלכען די חברים האָבען זיך בעציגען לגבי דעם תרבות. צוליעב דעם זענען אויך די אָוונט-קורסען איבערגעריסען געוואָרען, ס'זענען פאָרגעקומען רעפעראַטען אויף פערשידענע טעמעס יעדען שבת, זיי האָבען אָבער נישט געקאָנט פאָרקומען צוליעב דער איגנאָרירונג פון די חברים.

ס'איז אויך אַדורכגעפיהרט געוואָרען א געלד אקציע לטובת דעם „תרבות“, וועלכע האָט געגעבען ביז 400 זל.

דעם קאַסע בעריכט גיט אָן ה' קאַפּינסקי, וועלכער ערקלערט אַז די חברים האָבען כלל נישט געצאָהלט קיין מיטגלידס בייטראַג און די פאָנדען זענען געווען זעהר קליינע.

ס'ענטוויקעלט זיך אַ דיסקוסיע אין וועלכע ס'נעהמען אַנטייל די ה"ה פייגענבוים, טשעטשורא, ראָזענצווייג און קאַפּינסקי, וועלכער בעשולדיגט די חברים ווייל זיי האָבען זיך כמעט נישט אינטערעסירט מיט דער „תרבות“-אַרבייט.

ה' יאַנאָווסקי רעפערירט דאָן איבער דער פאַרשטעהענדער פערטער „תרבות“ קאָנפערענץ, וועלכע קומט זיך צונויף אין אַ זעהר קריטישער צייט אום צו געפינען אַ אויסוועג פון דער געשאַפענער לאַגע, ער ערקלערט אַז די דעלעגאַטען וואָס וועלען אַנטייל נעהמען זאָלען זעהען אַז די קאָנפערענץ זאָל נישט זיין גענייגט צו די אָדער יענער פאַרטיי, נאָר קאָנצענטרירען די גאַנצע יוגענד, וועלכע איז צוטיילט אויף פערשידענע גרופּען, די תרבות - אַרבייט דאַרף זיי אַלע פעראייניגען כדי ס'זאָל ווערען געשאַפען איין קולטור און תרבות זאָל זיין אַ משכן לישראל אַזוי ווי ס'איז געווען פאַר אַ סך יאָהרען צוריק.

לויט'ן פאָרשלאַג פון ה' קאַפּינסקי ווערט בעשלאָסען די פערזאַמלונג צו שליסען און פאָרטזעצען דעם קומענדען מוצאי שבת.

צו די יודישע גוט-בעזיצערס אין פוילען.

דער קרייז פון די יודישע אַגראָנאָמען-סטודענטען ביים ווילנער אוניווערזיטעט ווענדעט זיך דערמיט מיט אַ אַפּעל צו די יודישע גוט-בעזיצער און לאַנדווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס קומען צו הילף דער יודישער יוגענד, וועלכע שטודירט אַגראָנאָמיע, דורך ערטיילען איהר זומער-פּראַקטיק אין זייערע גיטער.

דער אוניווערזיטעט בעזאָרגט נישט די סטודענטען מיט זומער-פּראַקטיק און דעריבער זענען מיר געצוואונגען פון אונזער אייגענער איניציאַטיוו צו זוכען מעהר אַרבייטס פאַר אונזערע מיטגלידער.

מיר האָפען, אַז אונזער אַפּעל וועט געפינען אַ געהעריגען אָבקלאַנג ביי די יודישע גוטבעזיצער.

פערוואַלטונג פון קרייז
פון די יוד. סטודענטען-אַגראָנאָמען
ביים ווילנער אוניווערזיטעט.

אונזער אַדרעס:
Koło Rolników Studentów-Żydów
U. S. B. Wilno, Ludwisaska 4.

צעהלונג פון דער טשענסטאַכאָווער בעפעלקערונג.

די בעדייטענדע ענדערונגען, וואָס זענען לעצטענ'ס אריינגעטרעטען אין דער צאָהל בעפעלקערונג פון אונזער שטאָדט, האָט דערפיהרט דערצו, אַז טשענסטאָכאָוו צעהלט איצט אַנ'ערך פון 110—125 טויזענד איינוואוינער.

פערשטעהט זיך, אַז אין די ציפערען ווערען אויך צוגערעכענט אַ רייהע געגענדען, וואָס זענען איצט פעראייניגט מיט אונזער שטאָדט.

כדי אָבער גענוי פעסטצושטעלען די פאַקטישע צאָהל פון דער היגער בעפעלקערונג וועט אין הסכם מיט דער פאַראָרדנונג פון דער העכערער מאַכט אין סוף פון הייינטיגען יאָהר פאָרקומען אין אונזער שטאָדט אַ גענויע צעהלונג פון דער בעפעלקערונג.

געגען גריפּע און דערקיהלונג

איז טאָגאַל אַ גוט-ווירקענד מיטעל. בענוצען טאָגאַל אין אָנהויב קומען אוועק די קראַנקהייטען. איבער 6 טויזענד דאָקטוירים בעשטעטיגען די גוטע ווירקונג פון טאָגאַל. צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען. טאָגאַל איז אַ שווייצאַרישער פּרעפּאַראַט רעגיסטרירט אין פוילען אונטער № 1364

בעקער-שטרייק.

שוין א גאנצע וואך ווי די יודישע און אויך קריסטליכע בעקער באקען נישט קיין געבעקס, נישט האבענדיג דעם געהעריגען פרייז לויט די שטיי-גערונג פון מעהל.

עס קומען פאר אונטערהאנדלונגען צווישען די בעקער-צעכען מיט'ן מאַ-גיסטראט. דערווייל איז א גאנצע וואך נישטא קיין ברויט און לעצטענס אויך נישט קיין זעמעל.

נעכטען האט דער ענין געזאלט ליק-ווידירט ווערען און ביז מיר שליסען דעם נומער, האבען מיר נישט קיין שום גענויע ידיעות.

„אררט" אין טשענסטאכאוו.

זונטאג, דעם 19-טען ד. ח. וועט אין קאמעראל-זאל געבען נאר 1 פארשטע-לונג דער בעקאנטער „אררט"-אנסאמבל מיט די ארטיסטען: זיסעלע גירל, מאַ-ריא דאלסקא, לאלא זילבערמאן, שיינע מרים, פעטערמאן, אלטמאן, גאלדשטיין, דזשיגאן, קאן, רייגלאס, שומאכער, שיפער

דער „אררט" האט זיך קונה שם געווען ביי אונז אין שטאדט מיט זיינע אויפטריטען און ארויסגערופען ענטצי-קונג ביי די בעזוכער.

דער „אררט" פאהרט אדורך קיין ווארשא און געלעגענהייטליך גיבען זיי 1 פארשטעלונג.

דער „אררט"-אויפטריט האט ארויס-גערופען ביי די טעאטער-ליבהאבער א גרויסע פעראינטערעסירונג און די בי-לעטען ווערען גערן אויסגעקויפט.

האנדעלס-רעפעראטען.

מיר ברענגען דא דעם פראגראם פון דעם ציקל פארטראגען וואס ווערען איינגעארדענט דורך דער סאסנאווצער האנדעלס-קאמער.

א. אלגעמיינע ידיעות.

1) די ווירטשאפטס-געשיכטע פון פוי-לען. 2) די ראל פון האנדעל אין דער מאדערנער פאלקס-ווירטשאפט. 3) די ווירטשאפטליכע סטרוקטור אין פוילען. 4) די פראפעסיאנעלע היגיענא פון סוחר. 5) דיקציע און שפראך.

ב. ספעציעלע ידועות וועגען טעכניק און ארבייטס-סיסטעם.

1) דאס קענטניש פון קלאסיפירען דעם כאראקטער פון קונה. 2) ארגוי-מענטאציע. 3) שליסען האנדעלס-אבמא-כען און פראפעסיאנעלע עטיק. 4) רעקלאמע און די פסיכאלאגיע פון דער האנדעלס - רעקלאמע. 5) ספעציעלער קורס פון דעקארירען וויסטאוועס.

ג. אלגעמיינע האנדעלס-וויסענשאפטען.

1) די ווירטשאפטס - געאגראפיע פון פוילען. 2) עלעמענטארע יורידישע קענטניש. 3) פרינציפען פון קאנטאר-ארגאניזאציע. 4) די צוגענגליכסטע פארם אין דער בוכפיהרונג פון דעטייל-האנ-דעל. 5) די האנדעלס-קאלקולאציע. 6) האנדעלס-קארעספאנדענץ. 7) פ. ק. א. איהר טעטיגקייט און איהר פראקטי-שער נוצען פאר'ן סוחר'טום. 8) די געזעלשאפט אלס דער שוץ-מיטעל פון קליינהענדלערטום. 9) די האנדעלס-ביכער און דאס שטייערן-געזעץ. 10) צאל-סיסטעם. 11) טראנספארט-סיסטעם. 12) 13) טשעקען און וועקסעל-געזעץ. די מאדערנע האנדעלס-ארגאניזאציע.

פון בלימעל-טאג לטובת דער יוד. שול-ארגאניזאציע.

דער בלימעל-פערקויף, וואס איז פאר-געקומען דעם 10 אפריל איז, צוליעב'ן שלעכטען וועטער, אינמיטען טאג אי-בערגעריסען געווארען. הכנסה איז גע-ווען 288.50 הוצאה 30.87

ענטשולדיגונג.

איך בעהט ענטשולדיגונג ביי דער פאמיליע לעדערמאן ווארשעווער 30 פאר די אונאנגענעהמ-ליכקייטען וואס איך האב זיי פערשאפט מאכענדיג זיי א שאדען.

איך בין דעם טהאט בעגאנגען אין א זעהר אויפגערעגטען צושטאנד. אויסער דעם בין איך אונטערגעהעצט געווארען פון אייניגע אונפעראנט-ליכע מענשען.

איך ערקלער אז איך האב נישט קיין טענה צו די אויבענדערמאנטע פאמיליע און אלס סימן פון חרטה גיב איך 25 זל. פאר דעם שאדען וועל-ען איך האב געמאכט.

לאזער ווינדמאן.

Starszy felczer

S. MITTLER, Częstochowa

Piłsudskiego 5, I piętro

Telefon 8-04

Szczepienie ospy świeżą krowianką.

אבמאך צווישען די הויזווירטען און די סטרוזשעס.

דער אבמאך וואס איז לעצטענס גע-שלאסען געווארען צווישען די הויזוויר-טען און סטרוזשעס, ענטהאלט 7 פער-שידענע פונקטען, וועלכע רעגולירען די רעכט און די בעציהונגען צווישען די הויזווירטען און די סטרוזשעס.

אין די בעזונדערע פונקטען ווערט געזאגט, אז דער הויזווירט דארף ארויס-געבען דעם סטרוזש א ביכעל אין וועלכען עס דארף זיך געפונען דער אינהאלט פון זיין אבמאך, ווען ער איז געווארען צוגענומען און יעדעס מאל דארף איינגעשריבען ווערען דאס גע-האלט וואס ווערט איהם אויסגעצאהלט.

אינפאל פון וועלען בעזייטיגען דעם סטרוזש דארף איהם ווערען אבגעזאגט 3 חדשים פריהער, און אויסער דעם דארף וועגען דעם געמאלדען ווערען דעם ארבייטס-אינספעקטאר.

אינפאל פון צונעמען א סטרוזש, דארף זיך דער הויזווירט וועגען דעם ווענדען אין דעם ארבייט-פערמיטלונגס אמט, וועלכער שטעלט פאר פערשידענע קאנדידאטען, אויסצוּוועהלען.

ביים צונעמען א סטרוזש ווערען די ערשטע 6 וואכען בעטראכט אלס פרוּ-בע-צייט, און אין דער דאזיגער צייט פערפליכט נישט קיין אבזאגען.

וועלענדיג צונעמען א סטרוזש מוז דער הויזווירט זיך ווענדען צום אר-בייטס-פערמיטלונגס - אמט אדער צום פראפעסיאנעלען פעראיין, און אינפאל ווען די ביידע שטעלען נישט צו קיין געהעריגען קאנדידאט, קאן מען זיך אויסוועהלען, לויט אייגענעם איינזעהן.

קאמף פון דער געזעלשאפט און רעגירונג מיט דער סאכארין.

אין היינטיגען נומער איז פערעפענ-טליכט א בעקאנטמאכונג פון שטייער-אמט וועגען די בעלוינונגען, וואס זע-נען בעשטימט געווארען דורכ'ן פינאנץ-מיניסטעריום פאר אויסגעבען די אויפ-קויפער, וועלכע פערקויפען סאכארין— 25 זל., געוועלבער—75 זל. פערזיכע-רענדיג דערביי די שטרענגסטע דיס-קרעציע דער אינפארמירענדער פערזאן.

די דאזיגע פעראָרדנונג דערגענצט די גרויסע אקציע, וועלכע איז אונ-טערגענומען געווארען דורך פערשידענע לעהרער-ארגאניזאציעס פון די פאלקס-שולען, סקויטען און פערבאנד פון די אנגעשטעלטע פון דער גמינע-אדמיניס-טראציע, ווי אויך פון דער צענטרא-לער שוץ-ארגאניזאציע איבער יודישע קינדער — אין דער ריכטונג צו בע-קעמפן די בעפעלקערונג וועגען דער גרויסער בעדייטונג פון דער צוקער-ערנעהרונג, צו דעם דאזיגען צוועק זע-נען פונאנדערגעשפרייט געווארען אין גאנצען לאנד פערשידענפארביגע אפי-שען.

מען דארף פיהרען דעם קאמף מיט די שמוקלער'ס און שטארק אונטער-שטיצען די טעטיגקייט פון די געזעל-שאפטליכע ארגאניזאציעס, וועלכע האַ-בען זיך געשטעלט אלס ציעל געזונד צו מאכען און דערהויבען דעם לעבענס שטייגער פון די ברייטסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג.

אלערליי אינפארמאציעס ערטיילט און איבערשיקט בחנם די פראפאגאנדע ביוראָ פון דער צוקער-קאנסומציע, ווארשא, קאראוואַ 20.

מעלדונג
אכטונג קליינהענדלער

אזוי ווי דעם חודש ענדיגט זיך דער טערמין אויפצוגעבען זעזנאניעס פון פאדאטעק דאכאדאווי פאדערט אויף די פערוואלטונג פון קליינהענדלער-פעראיין, אלטער מארק 13, אלע קליינהענדלער אונ-בעדינגט אין זייער אייגענעם אינטערעס אבצוגעבען זעזנאניעס, ווייל פאר נישט אבגעבען קיין זעזנאניעס אין דער צייט, איז פאראויסגעזעהען א שטראף ווי אויך פערלירט מען דאס רעכט אבצוגעבען א רעקורס.

בעמערקונג: שרייבען זעזנאניעס פאר מיט-גלידער גאנץ אומזאנסט, אין אייגענעם לאקאל.

צענטראלער קליינהענדלער-פערבאנד אין פוילען, אבט. אין טשענסטאכאוו

אלטער מארק 13.

פון ספארט,

בליסקאוויצא—צ. ק. ס. 9:0

אסכלה—טוריסטען 5:0

אסכלע—וויקטאריא 2:1

מארגען, שבת 4 נאכמ. שפילען ווע-גען מייסטערשאפט פון קלאס „בע" אסכלה—בליסקאוויצא.

זעזנאניעס וועגען הכנסה - שטייער,

ביז'ן 30 ד. ח. איינשליסליך מוז יע-דער סוחר אדער פאבריקאנט, אויך הויז - בעזיצער אבגעבען א זעזנאניע וועגען הכנסה פון יאהר 1930, פאר'ן נישט אבגעבען די געהעריגע זעזנאניע דראהט א געלד - שטראף און אויסער דעם האט דער שטייער-צאהלער נישט דאס רעכט צום ארייַנטראגען קיין רע-קורס אויף דער הויך פון שטייער.

פון סוחרים - פעראיין.

מען טיילט אונז מיט אז דער פרע-זעס פון היגען יודישען סוחרים און פאבריקאנטען פעראיין ה' זיגמונט שטילער מיט וועלכען עס האט ווי מיר האבען זיינער צייט מיטגעטיילט, פאַ-סירט א צופאל ביי דער באהן, איז שוין ארויסגעגאנגען פון שפיטאל, און געפונט זיך אין זיין פריוואט-וואוינונג וואו ער אמטירט שוין טיילווייז אין די אנגעלעגענהייטען פון פעראיין.

אין דער נאהנטסטער צייט וועט ה' שטילער שוין איבערנעמען זיין פרעזעס-אמט אין לאקאל פון פעראיין.

דאנקזאגונגען.

די יודישע זעלנער, וואס האבען זיך געפונען אין אונזער שטאדט דעם פער-גאנגענעם פסח דריקען אויס זייער דאנק דער היגער יודישער קהלה פאר'ן בע-זארגען זיי אום יום-טוב מיט די נויטי-גע פסח'דיגע מאכלים.

אין נאמען פון אלע יודישע זעלנער: מ. פרישער, מ. גרינער, א. פאטשאר-קאווסקי, ש. שמולעוויטש, י. פעלטע.

— — —

אין נאמען פון 11 יודישע יונגעלייט, וואס געפונען זיך אין אנשטאלט פאר יאגליצא-קראנקע אין די היגע באראקען אויף „סטראדאם" דאנקען דער היגער יודישער קהלה פאר'ן איינארדנען פאר אונז די פסח-קוך.

זלמן פראסט, אליהו טרעגער,

די שטאדטישע אויטאבוסען ווערען נישט פערפאכטעט.

צוליעב דעם וואס דער מאגיסטראט האט נישט געקענט בעקומען קיין גע-העריגע גאראנטיעס פון די וואס הא-בען געוואלט נעמען אין פאכט די הי-גע אויטאבוסען, איז בעשלאסען געווא-רען זיי נישט צו פערפאכטען, נאר אי-בערצולאזען אין די הענד פון מאגיס-טראט.

עס וועלען דאריבער אין די נאהנ-טסטע טעג געבראכט ווערען נייע 12 גרויסע טראמוויי-אויטאבוסען, וועלכע וועלען קורסירען איבער דער שטאדט לויט א געהעריגען פאהר-פלאן, וואס זאל זיין גינסטיג פאר אלע איינוואוינער.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער יוד. שול-ארגאניזאציע.

שבת, דעם 25 ד. ח. 3 אזייגער נ"מ קומט פאר אנ'אלגעמיינע בעריכטס-פערזאמלונג פון די מיטגלידער פון דער י. ש. א.

טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואה-לען פון א פרעזידיום, 3) טעטיגקייטס-און קאסע בעריכט, 4) בודזשעט אויפ'ן יאהר 1930/31, 5) ווייטערדיגע טעטיג-קייט, 6) וואהלען פון א פערוואלטונג, 7) פרייע פארשלאגען.

צו דער פערזאמלונג וועלען צוגע-לאזען ווערען נאר די אלע וואס הא-בען איינגעצאהלט דעם חודש-אבצאהל ביז'ן 1 אפריל מינימום פאר 3 חדשים.

בעריכטיגונג.

אין פוריגען נומער פון אונזער צייַ-טונג אינ'ם בעריכט פון די אלג. פערז. פון די ציוניסטען - רעוויזיאניסטען איז פער צופאל אריין א פעהלער, אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע איז אנשטאט דעם ה' זעלצער אריין דער ה' זילבערבערג.

דער דעמאקראטישער וואהל-קא-מיטעט ביי דער ארבייט.

ווי מען טיילט אונז מיט האבען די איניציאטארען פון דעמאקראטישען קא-מיטעט צו די קהלה-וואהלען, די ה"ה יעקב ראזענבערג, ד"ר דוד קאגאן, אדוו. ד"ר חיים מארקאוויטש, אינזש. ה. ווילטשינסקי, אלעזר פלאצקער, יצחק זשאנשינסקי א. אנד. גערופען אויף היינט א קאנפערענץ, כדי אנצונעהמען א שטעלונג פון די דעמאקראטישע עלע-מענטען צו די קהלה-וואהלען.

די העברעאישע לעהרערין

ה. הירש — וראצלאווסקא

מאכט בעקאנט, דאס מיט'ן בעגין הודש אייר ווערען געעפענט קורסען פאר העברעאיש, יודיש, יודישע געשיכטע א. ז. וו.

די איינשרייבונג פון די שילערין'ס איז פון זונטאג פ' תזו"מ דעם 12 אפריל ד. י.

גלייכצייטיג ווערען געעפענט אווענד - קורסען פאר ערוואקסענע אין אייגענעם לאקאל

HIRSZ, warszawska 8.

איך קאן בעשעפטיגען א מענש

וועלכער איז גוט בעקאנט אין אננעמען בעשטעלונגען פאר'ן שאכטעל-ארבייט. א פראקטיצירטער פאכמאן מעהר געוואונשען, מעלדען זיך צו:

דאנציגער, נאדזשעשנא 78.

Dr. med. MARJA KOHN

powróciła

chor. kobiece i akuszerja

Przyjmuje do 10 r. i od 3—6 p. p.

Kościuszki 13 m. 8. Tel. 8-62

Leczenie żylaków.

שוין צו פעררינגען

א גרויסען סקלאד אויפ'ן 1-טען שטאק

12 מעטער די לענג און 4 מעטער טיעף.

פאר א טישלער - ווערקשטאט אדער אויף אנדערע איינריכטונגען

זיך ווענדען צו ה' שפיגעלמאן, אלעע 8.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. K. KOSTECKIEGO

w lokalu własnym ul. Waszyngtona

d. Jasna 49.

Udziela lekcji w kompletach i pojedyńczo

Zapisy codziennie od 10 rano do 9 wiecz

אכטונג! יעדען שבת פראקטישע לעקציעס פון 8 א זייגער אווענד, ספעציעל פאר דער יודי-שער געזעלשאפט.

ערקלערונג.

מיר אונטערגעשריבענע פראוויזאריום מיטגלידער פון דער פעראייניגטער קליינהענדלער ארגאניזאציע ערקלערען עפענטליך, אז צוליעב'ן נישט אויספיהרען פון א געוויסע פערזאן די בעשלוסען פון אבמאך צווישען ביידע קליינהענדלער-פעראיינען האבען מיר זיך געפונען געצווינגען ארויסצוטרעטען פון פראווי-זאריום מיט וואס די פעראייניגונג איז גלייכצייטיג אויך געווארען איבערגעריסען.

גלייכצייטיג מאכען מיר בעקאנט, דאס דער קליינ-הענדלער מארק-שטייער פעראיין מאסטאווע 8, איז ווייטער טעטיג און האט נישט מיט דעם קליינהענד-לער-פערבאנד אבטיילונג אלטען מארק 13 קיין שום געמיינזאמעס.

מיט דרך ארץ

דאס פראוויזאריום

דאנקאוויטש יצחק, זיידמאן יצחק, עפשטיין מענדיל, קראקויער מאיר, גליקסמאן גדליהו.

גלייך איבערצוגעבען

2 שטובען מיט א קוך און א קארידאר

מיט אלע בעקוועהמליכקייטען. בעזונדער א בוידעם

ערקינדיגען זיך: שפיגעלמאן, קאשטשושקי 37

אונטער'ן פראטעקטאראט פון פראנצויזישען אמבאסאדאר אין פוילען!

פראנצויזישער קלאנג-פילם!

ŚPIEWAK MONTPARNASSU

ANDRÈ BANGÈ ריהרענדע לעבענס-דראמא מיט'ן אנטייל פון זינגער פון דער פראנצויזישער אפערע

הערליך שעהנע מוזיק! אריגינעלער אינהאלט!

נאטירליכע אינסצעניזאציע פון דער בעריהמטער אפערע אין פאריז מיט'ן אנטייל פון כאר און ארטיסטען פון דער אפערע.

אויף דער סצענע: PARADA GWIAZD ערעפנונגס-רעוויטעקע אין 8 בילדער.

פרילינגס-ערעפנונג—ק. כרזאנאווסקי, וואלץ—ג. קאסאקובנא, ליעבעס-טאנגא-דאאל, באלשעוויסטין—באלצע-ראקובנא, ים-רויבער—באלעט, מאסאזשיסטין—סקעטש אין דער אויפפיהרונג: באלצעראקובנא, יאווארסקא, סטעמפיענובנא, קאסאקובנא, זשווירסקא, כרזאנאווסקי און דאאל.

קינא

CASINO.

די פרייזען זענען ערנידריגט

אלע פלעצער ביז'ן אנהויב פון ערשטען סעאנס 1 זל., די איבריגע סעאנסען ערשטער פלאץ 1 זל., צווייטער פלאץ און באלקאן 1,20 און דריטער פלאץ 1,50

פון שבת, דעם 18 אפריל און ווייטערע טעג.

MELODJA SERC

עקראן און סצענע צוזאמען

נייעסטע און הערליכסטע קונסטווערק פון די שאפער פון „אונגארישע ראפסאדיע" ע. פאמער און ה. שווארץ

שעהנער ליעבעס-פילם פון א אונגארישער וויסטעניש, פיהרענדע דראמא פון א דארפיש מיידעל, פערליבט אין א העלדישען זעלנער. אין הויפט-ראלען: דיטא פארלא און ווילי פריטש.

אויף דער סצענע: ניי - אנגאזשירטע ארטיסטען פון די ווארשאווער סצענעס.

Teatr „ODEON"

אלעע 27.

לעצטער סעאנס 9-30 אווענד.

קרזעסלא אויף אלע פלעצער

1 זל. 20 רג.

קלאנג-פילם און רעווי!

רייצענדע קעניגין פון עקראן, געטליכע גרעטא גארבא אין 10 גרויסע אקטען.

DZIKA ORCHIDEA

אין גרעסטען קלאנג-דראמא

איבער'ן פראגראם: קלאנג - צוגאבען.

אויף דער סצענע: ערשטקלאסיגער ניי-אנגאזשירטער אנסאמבל! רעווי: ציַ וועט די פרוי ערלויבען? ביים אנטייל פון: טאקארסקא, סורינא, זשאקאווא, ביאנקא, לאסאצקי, אלשעווסקי.

ערשטער מוסטערהאפטער קלאנג-קינא

Nowości

אלעע 12

לעצטער סעאנס 9-30 אווענד.

היינט און ווייטערע טעג.

טראגעדיע פון אונערפאהרענע מיידלעך אין די הענד פון הענדלער מיט לעבעדיגע סחורה!

דאס לעבען פון ווייסע שקלאפינס אין פערדעכטיגע ערטער! זייערע ליידען, וועהטאגען, טרעהרען און פערצווייפלונגען אינ'ם פילם

KROK OD HAŃBY

ערשטישע דראמא אין 12 אקטען. — אין די הויפט-ראלען: וועלט-טראגיקער יוזעף ראוועגסקי, שעהנע ס. סוואבאדארא.

Kino

„Słońce"

אגראדאווא 26.

פרייזען פון 50 גראשען ביז 1,50

Redaktor: Izrael Płockier — Wydawca: B. Bocian — Druk. B. Bocian, Aleja 6